עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין ווערטהיימער ז"ל

קונטרס י"ח

"נר איש וביתו"

# תוכן השיחה

חנוכה מיינט נאר אונז!
דער 'נס חנוכה' אין יאר תקצ"ה
די 'התנגדות' פון די יוונים
'חנוכה שטיבער'
אריינברענגען 'חסידות' אין שטוב
חסידות – שמחה
ווי קומט אריין עצבות אין א ברסלב'ער שטוב?
"דא מאכט מען פריילאך אידישע קינדער!"
דער א"ב דא אין שטוב: שמחה!
דער רבינ'ס חינוך: שמחה!
זכרון בשמחת עלמא דאתי
געב אריין שמחה אין דיינע קינדער!
דער עיקר איז דיין בליק – שו"ת בעניני חינוך
"מנותר קנקנים, נעשה נס"

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרס ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2>18

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' צבי אפל שליט"א
לרגל הולדת נכדתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
לע"נ ר' ישראל נחמן
בן ר' יצחק
היארצ"ט י"ג כסלו
נתרם ע"י המשפחה
ת.נ.צ.ב.ה

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' אהרן ברון שליט"א
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו נחמן ני"ו
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
ממנו ומכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' נחמן שווארץ שליט"א
לרגל הולדת בנו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מעריכת הקונטרס נתנדב
ע"י החפץ בעילום שמו
לרגל נישאוי בת ר' יעקב גרטנר שליט"א
למז"ט
ולהצלחת אדל בת מרים וכיוצ"ח
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שמעון כהן שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

# "נר איש וביתו"

## "שתעשו נשותיכם חסידות"

## בדרכי ההודאה ושעשועי עוה"ב המאירים בימי החנוכה

[שיחה שנמסרה בחבורת האברכים – ט"ו כסליו תשפ"ה]

## חנוכה מיינט נאר אונז!

[א]ברוך ה', ס'קומט יעצט חנוכה. דאס דארף מען וויסן; חנוכה מיינט נאר אונז! אזוי שרייבט ר' נתן[ב], אמאל פאר שביעי של פסח שרייבט ער: אלע ניסים מיינט אונז, **"הכל בשבילנו.. בשבילנו עשה את כל הניסים האלה!"**.

---

**א. הערת המערכת:** השיעור הנוכחי הוא השיעור האחרון שנאמר ע"י רח"ב בחבורה בירושלים יום לפני נסיעתו האחרונה לרביה"ק לשבת חנוכה התשפ"ה. (מעניין לציין שלפני השיעור הושיט רח"ב מזונות לאחד האברכים שיתכבד ויעשה ברכה בְּסַפְּרוֹ שלמחרת בלילה הוא מתכונן לצאת לדרכו, אמר לו האברך שזה ייחשב לו כ'צדקה לפני הנסיעה' כמו שרביה"ק אמר (ראה תו' ל"א). נענה רח"ב בשמחה: **יא יא צדקה פאַרן פאָרן..**). יה"ר ששפתותיו ידבבו בקבר, וזכות ההתעוררות וההתחזקות מהדיבורים יעמדו לטובתו ותהי נשמתו צרורה בחיי"ם.

**ב.** ראה עלים לתרופה מכתב ע"ד (ערב שביעי של פסח התקצ"ב): וּבַקַּשְׁתִּי מִמְּךָ בְּנִי חֲבִיבִי שֶׁתִּשְׂמַח בְּשִׂמְחַת הֶחָג הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר זָכִינוּ שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָשָׂה לָנוּ נִסִּים כָּאֵלֶּה שֶׁהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרַיִם וְקָרַע לָנוּ אֶת הַיָּם - **הַכֹּל בִּשְׁבִילֵנוּ! כְּדֵי שֶׁגַּם אֲנַחְנוּ בַּדּוֹר הַזֶּה, שֶׁהוּא אֲנִי וְאַתָּה**

איינער האט מיר היינט געזאגט, ס'גייט דאך ארויס אלעמאל קונטרסים פון ר' **צבי מאיר** [זילברברג] שיחי', איז ארויס א קונטרס אויף חנוכה - שרייבט ער דארטן אז מ'זעהט היינט בפועל אז חנוכה איז דא אסאך ניסים, און ער אליין איז א עדות, ער ברענגט עפעס כמה וכמה מעשיות פון גרויסע ישועות וואס אידן האבן געהאט אלעמאל חנוכה.

עס טוט זיך.. חנוכה טוט זיך ניסים ונפלאות!

איך געדענק אז ר' **יעקב מאיר** [שכטער] שיחי' האט געזאגט, יארן צוריק, אז די פריערדיגע ספרים האבן נישט אזויפיל מאריך געווען וועגן חנוכה, די לעצטע דורות רעדט מען גאר אסאך פון חנוכה. מען זעהט אז ס'איז באמת א אור וואס ס'איז געווען נוגע - לכתחילה, ס'איז באמת געמאכט געווארן, עס איז געווען אנגעגרייט פאר די דורות האחרונים וואס זיי וועלן דארפן שטארק אנקומען צו דעם, צו די ליכטיגקייט - קעגן די חכמת יון, די אפיקורסות.

איז דער עיקר, דער אור פון חנוכה מעיקרו, האט מען אונז געמיינט. ס'איז א יו"ט פאר אונזערע צייטן.. [**שואל:** וואס, אין זיינע צייטן האט מען נישט גערעדט פון חנוכה?] נישט זיינע, די לעצטע הונדערטער יארן. אמאליגע פריערדיגע צייטן; די ראשונים, די קדמונים, האבן נישט אזויפיל גערעדט פון דעם. אין די שפעטערדיגע דורות האבן אנגעהויבן אסאך רעדן פון דעם אור פון חנוכה.

עכ"פ, יעדער יאר קומט אראפ דער אור. דער אור פון חנוכה איז דאך א אור וואס גייט אראפ "**למטה מעשרה טפחים**". דאס איז דאך דער סוד פון

---

**וְכָל הָאֲנָשִׁים שֶׁבְּטוּלְטְשִׁין וּפֹה בְּרֶסְלֶב וְשֶׁבְּכָל עָרֵי יִשְׂרָאֵל בְּמוֹשְׁבוֹתָם, שֶׁכֻּלָּנוּ אֵלֶּה אֲנַחְנוּ פֹה הַיּוֹם חַיִּים, כֻּלָּנוּ הֵם בְּנֵי הַדּוֹר הַזֶּה, וְעָלֵינוּ נָפַל חוֹבַת הַיּוֹם הַזֶּה לִשְׂמֹחַ בְּשִׂמְחַת קְרִיעַת יַם סוּף**, אֲשֶׁר אָז נִתְגַּלָּה אֱלֹהוּתוֹ וַאֲדְנוּתוֹ וּמֶמְשַׁלְתּוֹ שֶׁל הָאֵין סוֹף בַּעַל הָרָצוֹן יִתְבָּרַךְ בְּהִתְגַּלּוּת נִפְלָא וְנוֹרָא אֲשֶׁר לֹא הָיָה כָּמוֹהוּ, עַד אֲשֶׁר רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם וְכוּ' וְעוֹלְלִים וְיוֹנְקִים אָמְרוּ זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ. שְׂמַח בְּנִי בְּשִׂמְחָה זֹאת, אֲשֶׁר זָכִיתָ לְהַאֲמִין בָּזֶה עַל כָּל פָּנִים וְלִהְיוֹת בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל עַם הַנִּבְחָר **אֲשֶׁר בִּשְׁבִילֵנוּ עָשָׂה אֶת כָּל הַנִּסִּים הָאֵלֶּה**.

אור החנוכה, אז ס'איז א אור וואס גייט אראפ. און וואס מער מען גייט אראפ, קומט דער חנוכה טיפער אראפ.. ס'איז א נייער חנוכה!

דאס איז אויך א נושא וואס **ר' יעקב מאיר** פלעגט אסאך רעדן פון דעם חנוכה - אז דער גאנצער אור החנוכה, אלע פרטי הלכות, אלעס איז נקודות פון רבי'ן[ג]. דער אור פון רבי'ן איז מרומז אין דער אור החנוכה. דער אור פון חנוכה איז דער אור פון רבי'ן! יעדער יאר קומט אראפ מער דער רבי, ס'ווערט מער נתגלה דער אור פון רבי'ן!

## דער 'נס חנוכה' אין יאר תקצ"ה

ר' נתן, ביי די מחלוקת איז דאך איבערגעגאנגען וואס ס'איז איבערגעגאנגען, אסאך זאכן. און ר' נתן שרייבט[ד] - אבער די הרחבה, דאס

---

**ג.** ראה באו"א חנוכה עמ' קכ"ט (מאמר ו', חנוכה תש"ס): **הנה כאשר אנו מתבוננים בכל הענינים הפנימיים של חנוכה (כמבואר בספרי החסידות), אנו רואים שבענינים אלו האריך רבינו באופן מיוחד.. לפי שרבינו האיר במיוחד אור של חנוכה ואחז בשלהבת קדושה זו והאיר בה לכל העולם כולו, שיוכלו ישראל להיאחז בו ולהתחזק ממנו תמיד בימי הגלות**. (ועיי"ש באריכות שמביא דוגמאות הרבה מעניני חנוכה שהם הם לימודי רביה"ק לדור אחרון).

**ד.** ראה בעל"ת מכתב קע"א: הִנֵּה זֶה סָמוּךְ קִבַּלְתִּי כָּל הַמִּכְתָּבִים מֵאִתְּכֶם וכו', וְכֻלָּם מְלֵאִים זְעָקוֹת וּצְעָקוֹת גְּדוֹלוֹת וּמָרוֹת עַל עֹצֶם הָרְדִיפוֹת שֶׁרוֹדְפִים אוֹתָנוּ וּבִפְרָט אוֹתִי שׂוֹנְאֵי חִנָּם, תַּחַת אַהֲבָתִי יִשְׂטְנוּנִי וַאֲנִי תְפִלָּה, **אֲבָל בְּתוֹךְ עֹצֶם הַצָּרוֹת הָיָה לָנוּ הַרְחָבוֹת וִישׁוּעוֹת נִפְלָאוֹת וְנוֹרָאוֹת שֶׁזָּכִינוּ בְּרֹב חֲסָדָיו לְהוֹצִיא הַסְּפָרִים תְּהִלָּה לְאֵל חַי, מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי. רָאוּי לָנוּ לַעֲשׂוֹת פּוּרִים גָּדוֹל עַל זֶה כִּי לֹא הָיָה נֵס קָטָן**. אַשְׁרֶיךָ, יְדִידִי רַבִּי שְׁמוּאֵל שֶׁזָּכִיתָ שֶׁיִּגָּמֵר הַנֵּס עַל יָדְךָ, **אַשְׁרֵיכֶם אַחַי וְרֵעַי כָּל מִי שֶׁהָיָה לוֹ חֵלֶק בְּהַצָּלַת נְפָשׁוֹת וְתוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וְכוּ'**. ובמכתב ק"ע: כְּבָר כָּתַבְתִּי לְךָ שֶׁבָּאתִי לִקְרֶמִינְטְשׁוּק וכו', וּמָצָאתִי מִכְתָּבְךָ שֶׁכְּבָר הֶחְזְרוּ הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים תְּהִלָּה לָאֵל וְהֶחֱיֵיתָ אֶת נַפְשִׁי מְאֹד. וּבְאוֹתוֹ יוֹם ו' הַנַּ"ל שָׁלַחְתִּי לְךָ מִכְתָּבִי, וְנִתְעַכַּבְתִּי שָׁם בִּקְרֶמִינְטְשׁוּק עַד הַיּוֹם שֶׁעָבַר, וְלֹא הִגִּיעַ לִי שׁוּם אִגֶּרֶת, לֹא מִבְּרֶסְלֶב וְלֹא מֵאוּמַאן, וְאֵינִי יוֹדֵעַ מַה לַּחֲשֹׁב, אַךְ בְּעֵת צָרָה כָּזֹאת הַמָּקוֹם יְרַחֵם בְּוַדַּאי צְרִיכִים גַּם צַעַר הַזֶּה, **אֲבָל זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי מַה שֶּׁבְּחַסְדֵי ה' וְנִפְלְאוֹתָיו הָעֲצוּמִים הוֹצִיאוּ הַסְּפָרִים מִיָּדָם; מָה אָשִׁיב לַה' וְכוּ'**; אַשְׁרֵי

וואס דער אויבערשטער האט אונז געראטעוועט, אז די ספרים זענען געראטעוועט געווארן - דאס איז אזא הרחבה, וואס איז עולה אויף טויזנטער.. אלע צרות.

ס'איז געווען, ס'איז איבערגעאנגען.. איז פשט אז די קליפת יון האט זיך מתגבר געווען. ר' נתן שרייבט[ה] אז מיר זענען אזוי ווי אין יענע צייטן פאר חנוכה וואס קליפת יון האט זיך מתגבר געווען, און מיר האפן אז ס'וועט זיין א ישועה חנוכה. און אזוי איז [טאקע] געווען!

באמת, די סכנה האמיתית איז געווען, אז זיי האבן געקענט צונעמען אלע כתבים פון רבי'ן, פון ר' נתן, און עס זאל גארנישט בלייבן קיין זכר.. זיי האבן עס שוין גענומען[ו]. זיי האבן עס גענומען, און עס אריינגעלייגט אין א צימער, און זיי האבן עס פארסטעמפלט. [שואל: ווער?] די רעגירונג! די פאליציי.

---

חֶלְקוֹ שֶׁל רַבִּי שְׁמוּאֵל וַיינְבֶּערְג שֶׁזָּכָה שֶׁיִּגְמַר פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים כָּזֶה עַל יָדוֹ, **אַשְׁרֵיהֶם כָּל הָעוֹסְקִים בָּזֶה, וְכָל אֲשֶׁר הוֹצִיא מָמוֹן עַל פִּדְיוֹן נְפָשׁוֹת וְהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.**

**ה.** מכתב קס"ו: **וְהִנֵּה עַתָּה הוּא מַמָּשׁ כְּמוֹ קֹדֶם הַנֵּס שֶׁל חֲנֻכָּה שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל בְּצָרוֹת עֲצוּמוֹת מִכָּל צַד, כְּמוֹ כֵן עַתָּה מַמָּשׁ.** כִּי מִזֶּה הַצַּד הַצָּרָה הַנַּ"ל הֲלֹא לְמִשְׁמַע אֹזֶן דָּאֲבָה נַפְשֵׁנוּ, וּמִצַּד זֶה מַחֲלֹקֶת כָּזֶה בְּבִזְיוֹנוֹת כָּאֵלֶּה בַּחֲרִיקוֹת שִׁנַּיִם כָּזֶה וְכוּ'. וְעַל כֻּלָּם הוּא הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁבְּתוֹךְ הָאָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מֵחָדָשׁ אֲשֶׁר עַל זֶה נֶאֱמַר (תְּהִלִּים לז) "צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וְכוּ' וַה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ" וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל (סֻכָּה נב.) וְגַם עַל זֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה "מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ" וְכוּ'. וּבֶאֱמֶת כָּל הַצָּרוֹת הַנַּ"ל רַחֲמָנָא לִצְלַן תְּלוּיִים זֶה בָּזֶה.

אֲבָל (אֵיכָה ג) "חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים" וְכוּ' וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁהַחֲסָדִים מִתְחַדְּשִׁים בְּכָל בֹּקֶר. וְעַל יְדֵי זֶה יֵשׁ לָנוּ כֹּחַ לְצַפּוֹת וּלְקַוּוֹת וּלְחַכּוֹת וּלְיַחֵל לִישׁוּעָתוֹ תָּמִיד, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ גָּמַר וְיִגְמֹר הַכֹּל לְטוֹבָה. כִּי אַתָּה מָרוֹם לְעוֹלָם ה' וּלְעוֹלָם יָדוֹ עַל הָעֶלְיוֹנָה, וּכְתִיב (תְּהִלִּים קיח) "יְמִין ה' רוֹמֵמָה, יְמִין ה' עוֹשָׂה חָיִל", חַיָּלוֹת שֶׁל צַדִּיקִים שֶׁהֵם הַכְּשֵׁרִים הַנִּלְוִים עֲלֵיהֶם, יָשׁוּבוּ הֵמָּה אֵלֵינוּ וַאֲנַחְנוּ לֹא נָשׁוּב אֲלֵיהֶם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר הוּא זַ"ל (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ריח) "אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִיפִירְט אוּן וֶועל אוֹיס פִירִין" [גָּמַרְתִּי וְאֶגְמוֹר], וְכַאֲשֶׁר קְצָת רָאִינוּ בְּעֵינֵינוּ. **עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ רַחֲמָיו וְלֹא עֲזָבוּנוּ חֲסָדָיו, כֵּן יוֹסִיף לְהוֹשִׁיעֵנוּ יוֹתֵר בְּנִפְלָאוֹת וַחֲסָדִים וִישׁוּעוֹת גְּדוֹלוֹת בְּיוֹתֵר** כִּי קוּשְׁטָא קָאֵי.

**ו.** ראה כל סיפור השתלשלות הדברים, בקונטרס ימי התלאות י"ג, י"ד. ובהוספת המעתיק בעל"ת מכתב קע"א, ובליקו"ה שחיטה ה' אחרי אות כ'.

ס'איז געווען, שבת חנוכה איז דאס געווען, שבת חנוכה [אין יאר תקצ"ה] זענען אלע אונזערע לייט געווען ביי ר' נתן'ען, אינמיטן איז געקומען די פאליציי, ארומגענומען די גאנצע שטוב, גענומען מענטשן אין תפיסה, און אויך די כתבים.

זיי האבן גענומען אלע כתבים און אריינגעלייגט אין עפעס א צימער פון ר' נתן, און געלייגט אויף דעם א סטעמפל. מען קען עס נישט טשעפען; טאמער איינער וועט עס טשעפען אך-און-וויי אים..

און ר' נתן, מיט זיין ישוב הדעת, האט געכאפט אז ס'איז דא עפעס א אונטער-טיר וואס דארטן האבן זיי נישט געלייגט די סטעמפל. האט ער געהייסן איינעם, ער זאל אריינגיין פון די אנדערע זייט וואס דארטן האט מען נישט געסטעמפלט, און ער איז אריינגעגאנגען, ער האט ארויסגענומען די כתבים, ער האט ארויסגענומען אלעס וואס מ'האט.. און בשעת מ'האט עס גענומען איז פארלוירן געווארן איין קונטרס פון ר' נתן'ס חידושים. ס'איז אין יורה דעה, אין דער ערשטער חלק יורה דעה דארטן, אנהויב חלק ה'.

[אין יענע טעג] שרייבט ר' נתן ז: טאקע ס'גייט איבער אויף אייך, אבער "אינכם שמים על לב" די מורא'דיגע ישועה וואס ס'איז געווען, ס'איז געווען א נס חנוכה.

## די 'התנגדות' פון די יוונים

און אזוי גייט איבער אויף יעדן איינעם - אויף יעדן איינעם גייט איבער די גאנצע מחלוקת, יעדן איינעם רודפ'ט מען באזונדער. ס'איז נישטא היינט

**ז.** מכתב קע"א: וַאֲשֶׁר אַתֶּם דּוֹאֲגִים וּמִצְטַעֲרִים עַל צַעֲרִי מַה שֶּׁהֵם מִתְפָּאֲרִים וּמַפְחִידִים אוֹתִי, הָאֱמֶת שֶׁאַתֶּם צְרִיכִין לְהִצְטַעֵר בְּצָרָתִי, וּלְהִתְפַּלֵּל וְלִזְעֹק הַרְבֵּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּצִּילֵנִי מֵאוֹיְבַי וּמֵרוֹדְפַי, וּלְהִשְׁתַּדֵּל בְּכָל הַתַּחְבּוּלוֹת וּבְכָל הַכֹּחוֹת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ וּמָמוֹן בְּאֹפֶן שֶׁאוּכַל לֵישֵׁב בִּבְרֶסְלֶב בְּשָׁלוֹם. **אֲבָל כְּפִי מִכְתַּבְכֶם אַתֶּם מִתְפַּחֲדִים יוֹתֵר מִדַּאי, וְאֵין אַתֶּם מַשְׁגִּיחִים כְּלָל עַל גֹּדֶל**

אזא רעש אזוי ווי אין יענע צייטן.. ווייל היינט איז די מלחמה צוטיילט, אויף יעדן איינעם פירט מען די מלחמה באזונדער. אבער אויף יעדן איינעם איז דא די גאנצע רעש המלחמה, אים צו דערטרינקען ח"ו.

**יעדער איינער איז א באזונדערער ר' נתן,** וואס ס'איז דא א רעש ארום אים, וואס מען וויל אים אונטערברענגען, מען וויל אים מעלים זיין.. [שואל: מיינסט נישט צו זאגן אויף אמת'ע התנגדות?] **התנגדות הקליפות! התנגדות הקליפות!**

דער רבי זאגט - אונז האבן יעצט געלערנט - אז דער רבי זאגט[ח] אז א מענטש האט תאוות האכילה; ער שפירט א רעבון, ער פאלט אריין אין תאוות האכילה - ווייל ער האט שונאים. דאס הייסט, אז א מענטש אויב תאוות איז זיך מתגבר, און נישט נאר תאוות האכילה אויך אלע תאוות, אז די תאוות איז זיך מתגבר איז עס "שונאים", ער האט פשוט שונאים. זיי זענען, זיי קערן אים איבער.

א מענטש האט שונאים! זיי ווילן אים פשוט אויסרייסן, נישט איבערלאזן פון אים קיין זכר. און דער רבי, זיי ווילן אויסרייסן, דעם רבי'ן ווילן זיי אויסרייסן. זיי ווילן אויסרייסן דער רבי וואס נעמט זיך אן פאר אים..

און יעדער איינער טוט זיך מיט אים ניסים. "**שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלוֹתֵנוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלוֹתֵנוּ**". ס'טוט זיך אזעלכע ניסים ונפלאות, "**וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם**", יעדער איינער זיין נס חנוכה. [מ'דארף] דאנקען און לויבן, דאנקען און לויבן..

---

**הַיְשׁוּעוֹת וְהַנִּסִּים וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִמִּי וְעִמָּכֶם מִכְּבָר,** וּבִפְרָט עֹצֶם הַנִּסִּים הַגְּדוֹלִים וְהַנִּפְלָאוֹת וְהַטּוֹבוֹת שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ בַּיָּמִים הָאֵלּוּ דַּיְקָא בְּתוֹךְ מְעוּף צָרָה וּמְצוּקָה הַזֹּאת, שֶׁזָּכִינוּ לְהוֹצִיא כָּל הַסְּפָרִים וּלְהַצִּיל הַנְּפָשׁוֹת מִבֵּית הָאֲסוּרִים, מִלְּבַד שְׁאָרֵי הַנִּסִּים וְהַיְשׁוּעוֹת בִּפְרָטִיּוּת שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּיָּמִים הָאֵלּוּ מִדֵּי עָבְרִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה וכו'.

**ח.** ראה ליקו"מ תורה ל"ט.

דער רבי זאגט[ט]: משיח וועט דערציילן יעדן איינעם די מעשה וואס האט זיך געטאן מיט אים יעדן טאג. וואס עס טוט זיך נאר, מיט יעדער איינער פון אונז - ס'איז א מעשה! ס'איז נישט; עה, ער מיינט אז ס'איז סתם. יעדער איינער פון אונז איז א מעשה, משיח וועט עס דערציילן; מען וועט רעדן פון דעם.. **יעדער איינער פון אונז איז א גאנצע מעשה!**

[**שואל:** וואס איז דער חיזוק פון דעם אז ס'איז א מעשה, וואס איז דער חיזוק?] **אז ס'איז א מעשה** און מען גייט רעדן פון דעם - איז דאך פשט אז ס'טוט זיך דא עפעס! **ס'איז נישט סתם.. עה, ווי זאגט איינער, מ'האט פארגעסן פון דיר.. - ס'טוט זיך עפעס א מעשה דא!!**

סיפור יציאת מצרים איז א מעשה. ס'איז געווען א מעשה, ס'איז געווען א "ברית בין הבתרים", מ'האט געזאגט אז מען וועט אראפשיקן אין גלות, און דער אויבערשטער האט אכטונג געגעבן אויף זיי אין גלות, ביז ער האט זיי ארויסגענומען פון גלות. **אזוי מיט יעדן איינעם, מיט יעדן איינעם איז אזוי, יעדער איינער פון אונז איז א גאנצע מעשה.. יעדער איינער האט זיין חנוכה.**

ר' נתן זאגט אין איינע פון די פלעצער - אז ס'איז דאך דא, מען צינדט חנוכה ליכט, איז אנדערע צינדן "**נר איש וביתו**" (איין ליכט'ל פאר די גאנצע שטוב), אנדערע צינדן "**נר לכל אחד ואחד**" (פאר יעדער איינער פון די ב"ב), אנדערע צינדן "**מוסיף והולך**" (יעדען טאג צינדען זיי נאך א ליכט'ל מערער) [י].

---

**ט.** ראה סיפורי מעשיות סוף מעשה י': "מָשִׁיחַ יַגִּיד לְיִשְׂרָאֵל כָּל מַה שֶּׁעָבַר עַל יִשְׂרָאֵל בְּכָל יוֹם וָיוֹם, עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בִּפְרָט". ובעל"ת מכתב ק"ה: וְאַחַר כָּךְ עֲזָרַנִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו הַנִּפְלָאִים שֶׁרָקַדְתִּי בְּעַצְמִי הַרְבֵּה פִּתְאֹם, מַה שֶּׁלֹּא עָלָה עַל דַּעְתִּי לְרַקֵּד אָז, וְהַכֹּל בִּישׁוּעָתוֹ וְהַשְׁגָּחָתוֹ הַנִּפְלָאָה.. **כִּי לֹא דָבָר רֵיק הוּא מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עִמָּנוּ בְּכָל יוֹם וָיוֹם עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט עִמְּךָ וְעִמִּי, וּמָשִׁיחַ יְסַפֵּר לְכָל אֶחָד מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עִמּוֹ בְּכָל יוֹם, וּצְרִיכִין לִזְכֹּר זֹאת הֵיטֵב בְּכָל יוֹם.** (וראה גם בליקו"מ תורה ס"א תנינא).

**י.** ראה מסכת שבת דף כא: ובטוש"ע או"ח סי' תרע"א סעי' ב.

זאגט ר' נתן[יא]: ס'איז דא אזעלכע וואס זיי רעדן - יא, בכלליות איז דא א השגחה אויף דער וועלט, "**נר איש וביתו**", בכלליות אין די וועלט איז דא א ליכטיגקייט.

---

**יא.** ראה באוצר היראה חנוכה מג:

[א] עִקַּר מִצְוַת נֵר חֲנֻכָּה הוּא **נֵר לְאִישׁ וּבֵיתוֹ** - כִּי בְּוַדַּאי מֵאַחַר שֶׁעִקַּר הַהַדְלָקָה הִיא רַק לִרְאוֹתָן בִּלְבַד וּלְהִסְתַּכֵּל עַל תֹּקֶף הַנֵּס מֵרָחוֹק כַּנַּ"ל, עַל־כֵּן דַּי נֵר אֶחָד לְאִישׁ וּבֵיתוֹ, כִּי כָּל בְּנֵי הַבַּיִת יְכוֹלִין לְהִסְתַּכֵּל עַל נֵר אֶחָד וּלְהִתְבּוֹנֵן בּוֹ תֹּקֶף הַנֵּס, **כְּדֵי שֶׁיִּתְעוֹרְרוּ וְיִתְחַזְּקוּ בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי שֶׁרוֹאִין נִפְלְאוֹת אוֹר הַתּוֹרָה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה, בְּכָל דּוֹר בִּכְלָלִיּוּת**.

[ב] אַךְ **הַמְהַדְּרִין בְּמִצְוֹת מַדְלִיקִין נֵר לְכָל אֶחָד וְאֶחָד** - **כְּדֵי שֶׁיָּשִׂים כָּל אֶחָד וְאֶחָד אֶל לִבּוֹ, שֶׁגַּם עִמּוֹ בִּפְרָטִיּוּת עוֹשֶׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת**, וּמֵאִיר לוֹ בְּטוּבוֹ לְתוֹךְ דַּעְתּוֹ שֶׁיִּתְעוֹרֵר מִשְּׁנָתוֹ עַל־יְדֵי נִפְלְאוֹת הַחֲסָדִים וְהַיְשׁוּעוֹת שֶׁעוֹשֶׂה עִמּוֹ בִּפְרָטִיּוּת בְּכָל עֵת.

כִּי יֵשׁ הַרְבֵּה שֶׁטּוֹעִים בָּזֶה, שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא אִישׁ כָּשֵׁר וּמֵשִׂים אֶל לִבּוֹ לְהִתְבּוֹנֵן קְצָת בְּעֹצֶם הַחֲסָדִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִמָּנוּ בְּכָל דּוֹר, שֶׁיֵּשׁ לָנוּ קִיּוּם בְּגָלוּת כָּזֶה מִכָּל הַצְּדָדִים, אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא טוֹעֶה בְּנַפְשׁוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ עַל עַצְמוֹ בִּפְרָטִיּוּת תֹּקֶף הַנֵּס, מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו נִגְעֵי לְבָבוֹ וּמַכְאוֹבָיו, עַל־כֵּן הוּא טוֹעֶה בְּנַפְשׁוֹ לוֹמַר שֶׁאֵין אוֹר הַתּוֹרָה (שֶׁהִיא עִקַּר יְשׁוּעָתֵנוּ וְעֶזְרָתֵנוּ סֶלָה) מַגִּיעַ גַּם אֵלָיו בִּפְרָטִיּוּת.

עַל־כֵּן הַמְהַדְּרִין מַדְלִיקִין נֵר לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, **כְּדֵי שֶׁיָּשִׂים כָּל אֶחָד אֶל לִבּוֹ שֶׁגַּם אֵלָיו בִּפְרָטִיּוּת מַגִּיעַ הָאוֹר, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁחוֹטֵף כָּל אֶחָד בְּכָל יוֹם**, בִּפְרָט מַה שֶּׁזָּכָה לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת, רַק שֶׁהָאוֹר עֲדַיִן בִּבְחִינַת "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק" כַּנַּ"ל, אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּוַדַּאי הָאוֹר מֵאִיר גַּם אֵלָיו בִּפְרָטִיּוּת.

[ג] **וְהַמְהַדְּרִין מִן הַמְהַדְּרִין מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ בְּכָל יוֹם** - **כִּי לֹא דַּי שֶׁמַּמְשִׁיךְ הָאוֹר גַּם לְעַצְמוֹ בִּפְרָטִיּוּת אַף־עַל־פִּי שֶׁהוּא מֵרָחוֹק מְאֹד, אַף גַּם הוּא מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ בְּכָל יוֹם** וכו' **שֶׁמַּאֲמִין שֶׁהַחֲסָדִים מִתְחַדְּשִׁים בְּכָל בֹּקֶר** וכו' **וְהוּא מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ לְהַמְשִׁיךְ הָאוֹר עַל עַצְמוֹ בְּתוֹסֶפֶת אוֹרָה בְּכָל יוֹם**. כִּי בֶּאֱמֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵאִיר עָלֵינוּ בְּכָל יוֹם בְּתוֹסֶפֶת אוֹר הַחֲסָדִים וְהַיְשׁוּעוֹת וְהַנִּפְלָאוֹת עַל־יְדֵי כֹּחַ וּזְכוּת הַצַּדִּיקִים וכו' וְאַף־ עַל־פִּי שֶׁאָנוּ עַכְשָׁו בְּתֹקֶף הַגָּלוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ, אַף־עַל־פִּי־כֵן אוֹרוֹ הַגָּנוּז מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ בְּכָל יוֹם וכו'. וְעַל־כֵּן צְרִיכִין לְהַאֲמִין שֶׁאֲפִלּוּ בְּתֹקֶף חֶשְׁכַת הַגָּלוּת, אַף־עַל־פִּי־כֵן הָאוֹר מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, וְיָכוֹל כָּל אֶחָד בִּמְקוֹמוֹ לְהִתְקָרֵב לָאוֹר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת אוֹר נֵר חֲנֻכָּה, שֶׁזָּכוּ צַדִּיקֵי הַדּוֹר לַחֲזֹר וּלְהַמְשִׁיךְ אוֹר הַתּוֹרָה שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח לָנֶצַח וכו'. **וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהַדְלִיק לְעַצְמוֹ הָאוֹר בִּפְרָטִיּוּת, אַף גַּם לִהְיוֹת מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ, כִּי בֶּאֱמֶת גַּם עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹסִיף עָלָיו אוֹר חַסְדּוֹ וִישׁוּעָתוֹ בְּכָל יוֹם** (עפ"י ליקו"ה שלוח הקן הלכה ה' אותיות ח ט).

אבער די "מהדרין" זיי צינדן "**נר לכל אחד ואחד**" - אז מיט יעדן איינעם, מיט יעדן איינעם טוט זיך מיט אים א ליכטיגקייט.

יעצט, די 'מהדרין' זאגן: יא, ס'איז געווען אמאל א ליכטיגקייט. יא, מ'האט אמאל, כ'האב אמאל עפעס געהאט א ישועה, כ'האב געהאט.. - אבער די "**מהדרין מן המהדרין**", זיי זענען "מוסיף והולך"; יעדן טאג האבן זיי, יעדן טאג! יעדער איינער, אין יעדן טאג זיין פירסומי ניסא, **זיי זענען מבחין דעם איבערשטער אין יעדן טאג.**

**מיט יעדן איינעם, יעדן טאג, טוט זיך ניסים ונפלאות פון חנוכה!**

דאס איז "**ימי הודאה**[יב]" - מ'איז עס קונה מיט הודאה, מיט אסאך אסאך רעדן; דאנקען און לויבן, דאנקען און לויבן!

## 'חנוכה שטיבער'

די ליכט פון חנוכה איז דער "**אור האמת**[יג]" - אזוי זאגט דער רבי דא אין די תורה - "**שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ**", דער אור האמת. חנוכה ווערט אנגעצונדן

---

**יב.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ב' תנינא: **יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנֻכָּה אֵלּוּ לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וְכוּ'. וִימֵי הוֹדָאָה זֶה בְּחִינַת **שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא** כִּי זֶה עִקָּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וכו'. וראה בליקו"ה כלאי בהמה ד, ד: וְזֶה בְּחִינַת חֲנֻכָּה, כִּי יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא וְכוּ' כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַזֹּאת, הַיְנוּ שֶׁבִּימֵי חֲנֻכָּה הַקְּדוֹשִׁים עַל-יְדֵי תֹּקֶף הַנִּסִּים וְהַנִּפְלָאוֹת וְהַנּוֹרָאוֹת שֶׁעָשָׂה ה' יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה עַל-יְדֵי-זֶה אָנוּ מַמְשִׁיכִין הַדֶּרֶךְ הַזֶּה שֶׁל תּוֹדָה הוֹדָאָה בָּעוֹלָם, דְּהַיְנוּ לַעֲסֹק תָּמִיד לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לַה' יִתְבָּרַךְ עַל כָּל הַנִּסִּים וְהַנִּפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִם אֲבוֹתֵינוּ וְעִמָּנוּ מִימוֹת עוֹלָם עַד הֵנָּה בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת. וְלִזְכֹּר הֵיטֵב וְלִבְלִי לִשְׁכֹּחַ כָּל הַטּוֹבוֹת הַנּוֹרָאוֹת שֶׁגּוֹמֵל עִמָּנוּ בְּכָל עֵת וָעֵת.

**יג.** ראה שם בליקוטי מוהר"ן תורה ב' (אות ד'): **וּכְשֶׁזּוֹכִין לִבְחִינַת תּוֹדָה הֲלָכָה עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלֶּה "אוֹר הָאֱמֶת"** וכו'. ושם בהמשך: וְזֶה בְּחִינַת חֲנֻכָּה כִּי יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם **יְמֵי הוֹדָאָה** שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא וכו' שֶׁעַל יְדֵי זֶה זוֹכִין לִשְׁלֵמוּת הַדִּבּוּר, עַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הָאֱמֶת וכו'. וְזֶהוּ בְּחִינַת הַשֶּׁמֶן שֶׁל נֵר חֲנֻכָּה וכו' [ש]נִתְגַּלֶּה **"אוֹר הָאֱמֶת"** וכו' בְּחִינַת "שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ" וכו'

דער אור האמת - און מען זעהט דעם אמת. וואס זעהט מען דעם אמת? מען זעהט דעם אמת אז דער אויבערשטער העלפט יעדן איינעם..

דאס ווערט דורך די הודאה. דורך די הודאה, דורך דעם ווערט דער 'אור האמת'; ס'קומט אראפ א ליכטיגקייט פון אמת אויף דער וועלט.

די וועלט איז פול מיט שקר; **אלע טענות ומענות און חלישות הדעת וואס מענטשן האבן - ס'איז אלץ שקרים, שקרים..**

די גאנצע וועלט איז פול מיט מעשה'לאך. יעדע שטוב, קומסט אריין, הערסטו די מרה שחורה. יעדע שטוב האט א פרק אין מרה שחורה..

קענסט אנקלאפן – אזוי ווי איינער גייט נאך געלד, ווייסט ער, ער גייט נאך געלד - מען עפנט אויף, מען עפנט אים אויף דעם טיר, פון יעדן טיר קומט ארויס עפעס א אנדער ריח. עפעס א אנדער, עפעס א געדיכטער ריח, עפעס אזא..

איז פון יעדע שטוב קומט ארויס א אנדער מרה שחורה. קלאפסט אָן, קלאפסט אןביים טיר, הערסטו צעקות. שפעטער עפנט מען דעם טיר, קומט ארויס א ריח מיט א מרה שחורה.. אזוי איז עס, יעדער שטוב האט איר פרק אין מרה שחורה..

**אבער אז מען ברענגט אריין די הודאה** - אז אין יעדע שטוב זאל זיין א שמחה, אין יעדן שטוב זאל זיין א שמחה: "אה! דא וואוינען אידן, דא וואוינען אידן! **דא וואוינען ברסלב'ער חסידים!** מ'איז מגדל דא קינדער, א פריילאכער טאטע א פריילאכע מאמע מיט פריילאכע קינדער.." - **דאס איז דער "אור האמת"!**

עס קומט חנוכה, חנוכה אז מען קלאפט ביי די שטיבער - די עניים דארפן זיך דאך דרייען ביי די שטיבער[יד] - הערט מען עפעס אנדערש, אלע זענען

---

עיי"ש. (וענין "אור האמת" של חנוכה מבאר גם מוהרנ"ת בכ"מ עפ"י תורות אחרות בליקו"מ, ראה באוצר היראה חנוכה אותיות ה, טו, לד, סד).

**יד.** ראה משנ"ב או"ח סי' עת"ר ס"ק א.

פריילאך און מ'זינגט, מ'טאנצט. מ'מעג טאנצן אין שטוב, אפילו ליטוויקעס טאנצן 'יוונים', 'מעוז צור'.. מ'טאנצט, מ'עסט לאטקעס, מ'מאכט מסיבה'לאך.

איך האב לעצטנ'ס געזען עפעס איינער ברענגט אז די 'לאטקעס נעכט' איז מנהג הנשים. עס ווערט געברענגט אין די פוסקים[טו] אז עס איז מנהג הנשים, לזכר פון דעם נס פון יהודית. עס קומט טאקע פון די ווייבער, דערפאר זענען די ווייבער עוסק אין דעם, מ'מאכט זיך פריילאך.. חנוכה איז מען עוסק אסאך אין הודאה.

שטייט טאקע [אין די פוסקים[טז]] אז דער עיקר אז ס'זאל הייסן א סעודת מצווה - איז אז מ'דארף דערציילן דארטן די חסדי השם ביי די סעודה, ביי די לאטקעס נעכט דארף מען דערציילן די חסדי השם.

אז מען דערציילט די חסדי השם, דורך די הודאה, פון דעם ווערט די ליכטיגקייט פון די חנוכה ליכט. די חנוכה איז דער **"אור האמת"**, די חנוכה ליכט קומט ארויס פון די הודאה. וויפל הודאה אזויפיל לייכט די חנוכה ליכט!

די ליכטיגקייט פון די חנוכה ליכט איז נישט קיין גשמיות'דיגע ליכטיגקייט, ס'שטייט דאך אז **"אין לנו רשות להשתמש בהם"**, ס'איז נישט קיין ליכטיגקייט וואס מ'איז נהנה פון די גשמיות, ס'איז נאר **"לראותם בלבד - כדי להודות ולהלל לשמך הגדול"**. די ליכטיגקייט איז א רוחניות'דיגע

---

**טו.** ראה שו"ע או"ח סי' תע"ר סעי' ב ברמ"א.

**טז.** ראה טוש"ע או"ח סימן תע"ר סעיף ב' ובפוסקים שם. וראה בליקו"ה נזיקין ה, ל"ז: וְזֶהוּ בְּחִינַת הַסְּעֻדּוֹת שֶׁעוֹשִׂין בַּחֲנֻכָּה אַף עַל פִּי כֵן שֶׁכָּתַב בַּשֻּׁלְחָן עָרוּךְ שֶׁרִבּוּי הַסְּעֻדּוֹת בַּחֲנֻכָּה הֵם סְעֻדּוֹת הָרְשׁוּת וְכוּ', הֲלֹא מַסִּיק הָרָמָ"א שֶׁיֵּשׁ אוֹמְרִים שֶׁיֵּשׁ קְצַת מִצְוָה בָּהֶם, **וּמַסִּיק, וְהוּא הָעִקָּר, שֶׁנּוֹהֲגִים לוֹמַר זְמִירוֹת וּשְׁבָחוֹת בַּסְּעֻדּוֹת שֶׁמַּרְבִּים בָּהֶם וְאָז הֲוֵי סְעֻדַּת מִצְוָה.** וְכָךְ הוּא הָאֱמֶת, כִּי בְּוַדַּאי כְּשֶׁמַּרְבִּים בַּחֲנֻכָּה בִּסְעֻדּוֹת בְּשִׁכְרוּת וְהוֹלְלוּת וְכוּ' בְּוַדַּאי הֵם גְּרוּעִים מִסְּעֻדַּת הָרְשׁוּת, אֲבָל רֹב יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים וְהַיְרֵאִים **נוֹהֲגִים לְסַפֵּר בָּהֶם מִתֹּקֶף הַנֵּס שֶׁעָשָׂה לָנוּ אָז וְאֵיךְ נִמְשָׁךְ לָנוּ הֶאָרַת הַנִּסִּים וְהַתְּשׁוּעוֹת הָאֵלּוּ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה**, כַּאֲשֶׁר מְבֹאָר עַתָּה בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וּבִפְרָט בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל וכו'. וְעַל יְדֵי זֶה אָנוּ שְׂמֵחִים בְּשִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה בַּסְּעֻדּוֹת הָאֵלּוּ **וְאָז הֲווּ בְּוַדַּאי סְעֻדּוֹת מִצְוָה** בִּבְחִינַת אֵין טוֹב לָאָדָם כִּי אִם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ וכו', עיי"ש.

ליכטיגקייט. די ליכטיגקייט פון חנוכה איז אז דער נר מאכט ליכטיג דער אור האמת!

קומט אויס אז דער ליכטל פון חנוכה דארף מען אים אנצינדן. ווייל דער גשמיות פון דעם ליכטל דאס איז נאכנישט דעם ליכט, דער עיקר איז דער אור האמת. און דער אור האמת – זאגט דער רבי – דאס ווערט פון די הודאה.

וויפל הודאה מ'דאנקט און מ'לויבט דעם אויבערשטן, צינדט זיך אן דער אמת'ער ליכטל פון חנוכה. דעמאלט'ס זעהט מען דעם אמת, דעמאלט'ס זעהט מען אז דער אויבערשטער האט אונז ליב, דער אויבערשטער טוט אונז חסדים. יעדער איינער פון אונז איז א עקסטערע מעשה, א מעשה נפלא. יעדע משפחה איז א מעשה, יעדער איינציגער איז א מעשה. פול מיט ישועות, פול מיט השגחה.

בפרט ברסלב'ער חסידים וואס אונזער מעשה איז, אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון אזא רבי'ן. מיר דערציילן גאר עפעס א אנדער מעשה; מיר דערציילן אז ס'איז דא אזא רבי, מיר דערציילן אז ס'איז דא א רבי אויף דער וועלט, מיר דערציילן אז מיר האבן א רבי'ן אין שטוב.

## אריינברענגען 'חסידות' אין שטוב

אין יעדער שטוב דארף מען אריין ברענגען דעם רבי'ן, וויסן אז ס'איז דא א רבי; **דא אין שטוב איז דא א רבי, דא איז דא א רבי**[יז]**!**

**יז.** ראה אוצר היראה חנוכה אות ס"ט: אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל נֵר חֲנֻכָּה אִישׁ וּבֵיתוֹ וכו', **כִּי עִקַּר קְדֻשַּׁת כָּל בָּתֵּי בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל הוּא מִבְּחִינַת קְדֻשַּׁת בֵּית הַיְשִׁיבָה הַקְּדוֹשָׁה**, שֶׁהוּא הָרַבִּי שֶׁלּוֹמֵד עִם תַּלְמִידָיו הַלִּמּוּד הַקָּדוֹשׁ שֶׁל קִיּוּם הַתּוֹרָה, וּמִשָּׁם אוֹר הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת שֶׁהוּא בְּחִינַת נֵר חֲנֻכָּה, כַּנַּ"ל. וּבֶאֱמֶת מְחֻיָּב בָּזֶה כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, לֵישֵׁב וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה בְּבֵיתוֹ עִם חֲבֵרָיו וּבָנָיו וְתַלְמִידָיו, בִּבְחִינַת "וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ" וְכוּ'; **וְעַל־כֵּן עִקַּר נֵר חֲנֻכָּה הוּא אִישׁ וּבֵיתוֹ, הַיְנוּ הַבַּעַל־הַבַּיִת עִם**

דער רבי זאגט[יח]: "**פארוואס זאלט איר נישט מאכן פון אייערע ווייבער חסידות'טעס?!**". דער רבי האט נישט געזאגט פארוואס זאלן נישט די ווייבער זיין **חסילות'טעס** - נאר פארוואס זאלט 'איר' נישט מאכן פון די ווייבער '**חֲסִילוֹת**', ס'איז תלוי אין אונז.

וויפל מיר זענען זוכה, וויפל מיר זענען זוכה צו אראפ ברענגען די חסידות ביז עס וועט אנקומען צו די רגלין ביז אונטן - דעמאלט'ס קענען מיר מאכן פון אונזערע ווייבער חסידות'טעס.

א מענטש וואס ער קען נישט רעדן אין שטוב פון רבי'ן, איז ווייל דער רבי איז ביי אים גאר עפעס א הויכע זאך, ער האט נישט אראפ געברענגט דעם רבי'ן צו זיינע נידעריגע בחינות. אבער אז א מענטש ברענגט אראפ דעם רבי'ן צו זיינע נידעריגע בחינות, קען ער אריינשיינען אויך אין שטוב.

דאס איז דער אור פון חנוכה, מען ברענגט אראפ [דעם אור] נידעריג, זיך פרייען מיטן רבי'ן, דאס דארף מען קענען. א יונגערמאן קומט אריין אין שטוב, זאל די שטוב זעהן, די שטוב דארף זעהן אז ער פריידט זיך מיטן רבי'ן, מ'זאל זעהן אז ער איז מלא חיות פון רבי'ן. די שטוב דארף ווערן אנגעקלעבט פון זיין חיות וואס ער האט אין רבי'ן.

**דאס הייסט אז ער מאכט די שטוב זאל זיין פול מיטן רבי'ן.**

די שטוב דארף ווערן פול מיטן רבי'ן! ס'איז דא א רבי וואס ער איז געמאכט געווארן אויך פאר ווייבער. דער רבי איז א רבי וואס קען נעמען נשים און מאכן פון זיי חסידות, אור החסידות זאל אריין גיין אין די ווייבער.

א מאנסביל אז ער איז א חסיד פארשטייט יעדער איינער. 'א חסיד', וואס איז א חסיד? א חסיד - ער האט א געפיהל, א געפיהל אין אידישקייט, עס

---

**בְּנֵי־בֵיתוֹ, שֶׁמְּקַבְּלִים קְדֻשָּׁתָם וְחִיּוּתָם מֵהָרֹאשׁ־יְשִׁיבָה עִם תַּלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ אוֹר נֵר חֲנֻכָּה** (עפ"י ליקו"ה הל' נזיקין ה' אות לה).

**יח.** ראה שיש"ק חלק ג' רע"א: אמר פעם רבנו: "פארוואס מאכט איר ניט אייערע ווייבער פאר קיין חֲסִידוֹת?" - "מדוע אין אתם עושים את הנשים שלכם לחסידות?".

טראגט אים אידישקייט. א חסידישער יונגערמאן; יעדער איינער ווייסט וואס איז דאס א חסידישער יונגערמאן, א חסידישער יונגערמאן טראגט אים אידישקייט.

איינער וואס עס טראגט אים נישט אידישקייט, ר' נתן האט געזאגט אויף דעם [יט]: "**ווילסט זיין א חסיד מיט אלע תאוות?!**" - עס גייט נישט צוזאמען, א חסידישער יונגערמאן הייסט איינער וואס ער וויל נישט קיין תאוות, ער שלאגט זיך מיט תאוות. פארשטייט זיך ס'איז א לאנגע מלחמה, אבער עס טראגט אים חסידות.

**וואס איז זיין מהות? זיין מהות איז חסידות! איי ער איז גראדע אויך א מלמד, ער איז גראדע אויך א סופר, ער איז גראדע אויך א קאלאכער, ער איז א שניידער.. אבער נישט דאס איז ער, פון דעם מאכט מען פרנסה. וואס איז ער? א חסידישער יונגערמאן!**

ביי ווייבער, איז א גרעסערע עבודה צו עס אריין ברענגען - אז א ווייב זאל זיין א חסידישע, א חסידישע, זי זאל זיין א חסידות'טע. וואס טראגט איר? זאל איר טראגן חסידות. אזוי ווי דער רבי האט געזאגט [כ] וועגן זיין באבע אדל [די טאכטער פון הייליגן בעש"ט]: "**זי גייט ארום; וואס קען זי עפעס מאכן נאך א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן..**".

---

**יט.** ראה שיש"ק החדש חלק ג' שע"ח.

**כ.** ראה שיש"ק החדש חלק א שע"ה: פַּעַם שָׁאֲלוּ אֶת רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ: "**פַּארְוָואס הָאט עֶפֶּעס אֵייֶער זֵיידֶע גֶעהַאט אַזָא מִין הַמְשָׁכָה צוּ אֵייֶער בָּאבֶּע אָדְל?**" "מַדּוּעַ הָיָה לִזְקֵנְכֶם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב כָּזוֹ הַמְשָׁכָה דַּוְקָא לִזְקֶנְתְּכֶם מָרַת אֶדְל ?" - כִּי יָדוּעַ שֶׁהַבַּעַל שֵׁם טוֹב הֶחֱשִׁיב אֶת בִּתּוֹ עוֹד יוֹתֵר מִבְּנוֹ רַבִּי הִירְשׁ; וְהֵשִׁיב רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ: "**וַוייל זִי אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר מִיט אַ פַּארְבֶּרֶענְקְט הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטֵן: וָואס נָאךְ וָוואלט אִיךְ גֶעטָאן עֶפֶּס אַ זָאךְ וָואס דָאס זאַל זיין רָצוֹן ?'!**" - "מִפְּנֵי שֶׁהִיא סָבְבָה כָּל הָעֵת עִם לֵב כּוֹסֵף לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ (כַּאֲשֶׁר הִיא שׁוֹאֶלֶת כִּבְיָכוֹל בְּכָל פַּעַם אֶת עַצְמָהּ): אֵיזֶה דָּבָר נוֹסָף הָיִיתִי יְכוֹלָה לַעֲשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה לִרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ ?!":

א פרוי דארף איר נישט טראגן וואס קען מען נאך קאכן אדער נאך באקן, נאך נייען און נאך טאן.. - נישט דאס דארף איר טראגן! עס דארף איר טראגן; וואס קען מען נאך עפעס מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן, וואס קען מען מער ליגן אין עבודת השם?!

און ווי אזוי דינט א ווייבל דעם אויבערשטן? - אז זי קאכט און זי באקט און אז זי נייט און אז זי פירט א ווירטשאפט. אבער נישט אז וואס איז זי: "זי פירט א ווירטשאפט, זי נייט זי קאכט זי באקט" - דאס הייסט נישט קיין חסידישע ווייבל. דער רבי האט געזאגט א ווייב דארף זיין א חסידות'טע, א ווייבל דארף אין איר קאכן א חיות פון קדושה.

אזוי ווי א יונגערמאן, אז ער האט א חיות פון רבי'ן איז ער א חסידישער יונגערמאן. טאמער האט ער נישט קיין חיות פון רבי'ן איז ער נישט קיין חסידישער, אפשר קען ער זיין א למדן, אפשר קען ער זיין א עובד - **אבער א חסידישער יונגערמאן איז אז ער לעבט ווי א חסיד. ער איז א חסיד פון רבי'ן;** ער לעבט פון רבי'ן, ער פריידט זיך מיטן רבי'ן, ער פילט אז דער רבי איז זיין חיות.

דער רבי זאגט[כא] אויפן פסוק "**צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו**", זאגט דער רבי אז ווען קען זיין דער צדיק דבוק אין דעם אויבערשטן, אז ס'זאל זיין 'בכל דרכיך דעהו' – "**וחסיד בכל מעשיו**"; בשעת דער חסיד טראגט אלע מעשים פון צדיק, ער באזארגט דעם רבי'ן. (אזוי טייטשט דער רבי דער פסוק: ווי אזוי קען זיין א "**צדיק**" וואס "**ה'**" איז "**בכל דרכיו**"? – "**וחסיד**"; אז ער האט א חסיד וואס באזארגט אים "**בכל מעשיו**"!).

---

**כא.** חיי מוהר"ן תקל"א: מִכְּבָר דִּבֵּר לְעִנְיַן שִׁמּוּשׁ הַצַּדִּיקִים, שֶׁצְּרִיכִים אֲנָשָׁיו שֶׁל הַצַּדִּיק לְשַׁמֵּשׁ אֶת הַצַּדִּיק בְּכָל צְרָכָיו וְלַעֲשׂוֹת לוֹ כָּל מַה שֶּׁהוּא הָיָה צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת. וְאָמַר שֶׁזֶּה מְרֻמָּז בַּפָּסוּק "**צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו**", הַיְנוּ מָתַי זוֹכֶה הַצַּדִּיק שֶׁיִּהְיֶה ה' בְּכָל דְּרָכָיו בִּבְחִינַת "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ", מָתַי יוּכַל הַצַּדִּיק לְקַיֵּם שֶׁיִּהְיֶה ה' בְּכָל דְּרָכָיו - **כַּד "וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו" כְּשֶׁהֶחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו**. הַיְנוּ שֶׁאֲנָשָׁיו שֶׁל הַצַּדִּיק שֶׁהֵם נִקְרָאִים חֲסִידִים, כְּשֶׁהֵם עוֹסְקִים בְּכָל מַעֲשָׂיו שֶׁל הַצַּדִּיק. כִּי אֵין צָרִיךְ לִפְנוֹת לְשׁוּם דָּבָר, כִּי אֲנָשָׁיו עוֹשִׂין לוֹ מַה שֶּׁצָּרִיךְ.

דער רבי לערנט אונז אז מען דארף זיין א חסיד פון רבין, מ'דארף זיין א חסיד, און דער רבי זאגט אז די ווייבער דארפן אויך זיין חסידות'טעס.

א חסיד דארף האבן א חיות צו קענען באדינען דעם רבי'ן וואס מער - און א ווייב דארף אויך האבן א חיות, וואס מער צו באדינען דעם רבי'ן, וואס מער צו באדינען דעם מאן ער זאל קענען דינען דעם אויבערשטן און משמש זיין דעם צדיק. **דאס דארף זיין איר חיות!**

ממילא קאכט מען, ממילא באקט מען, ממילא נייט מען, ממילא וואשט מען, **ממילא פירט מען א ווירטשאפט.** [אבער] **אלעס הייבט זיך אן אז עס דארף זיין א רוח פון חסידות.** די שטוב, אין יעדער שטוב, דארף זיין א רוח פון חסידות.

## חסידות – שמחה

יעצט, ווי אזוי ברענגט מען אריין א רוח פון חסידות? - מיטן "**אור ההודאה**"!

אז מ'דאנקט און מ'לויבט דעם אויבערשטן. מ'דאנקט און מ'לויבט דעם אויבערשטן [אויף דעם] וואס מיר האבן אזא רבי'ן, און דער מאן הערט נישט אויף צו רעדן פון דעם רבי'ן - "אה, מיר האבן אזא רבי'ן!".

יעדע זאך פריידט ער זיך מיטן רבי'ן. די שמחה קלעבט זיך אָן אין שטוב, די שמחה הייבט זיך אן צו אנקלעבן; צוביסלאך, צוביסלאך, נאך אביסל און נאך אביסל. אזוי גייט אריין, די שמחה פון רבי'ן גייט אריין, ביז מ'הייבט אן זעהן[כב] אז באמת די גאנצע וועלט איז א "**צל עובר**"; א ווייב דארף אויך וויסן אז די וועלט איז א 'צל עובר'.

**כב.** ראה ליקוטי הלכות שחיטה ה, ה: כָּל עֲבוֹדַת הָאָדָם הוּא לְהַעֲלוֹת וּלְהוֹצִיא מֵהַהֶעְלֵם אֶל הַגִּלּוּי לְגַלּוֹת אֱלֹקוּתוֹ וּמַלְכוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ בָּעוֹלָם עַד שֶׁיִּתְקַיֵּם, "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ וְכוּ'". אַךְ צְרִיכִין לָזֶה יְגִיעָה גְּדוֹלָה וַעֲבוֹדוֹת הַרְבֵּה לְגַלּוֹת הַהַעֲלָמָה, כִּי זֶה כָּל עֲבוֹדַת הָאָדָם בְּזֶה הָעוֹלָם. **וּמִגֹּדֶל**

ס'איז א צל עובר דא די וועלט, אבער אין דעם צל עובר קען מען זוכה זיין צו נצחיות. דער וועלט, אין דער וועלט קען מען זוכה זיין צו "שעשוע עולם הבא", **דא אויף דער וועלט קען מען זיך ארום דרייען און זוכה זיין צו זיין א בן עולם הבא!**

די וועלט פליהט אריבער, אבער דער עולם הבא וואס מ'איז קונה דא אויף די וועלט - דאס גייט נישט אריבער, דאס איז נצח נצחים, ס'איז נצח נצחים!

וואס איז דער עולם הבא? דער עולם הבא איז דער 'שעשוע עולם הבא', מ'דאנקט און מ'לויבט און מ'דאנקט און מ'לויבט דעם אויבערשטן.. יעדע נקודה, אויף יעדער נקודה דארף מען דאנקען און לויבען.

**די שטוב זאל ווערן פול מיטן רבי'ן**[כג]**, אלע זאלן אריין גיין. פול, פול מיטן רבי'ן. אנפאקן..**

דעם רבי'נס "אזמרה" דארף אריין גיין אין די שטוב, זעהן די גוט'ס פון א אידן, זעהן די גוט'ס, רעדן גוט'ס.

א יונגערמאן קומט אריין אין שטוב און ער רעדט נאר גוט'ס, ער רעדט נישט קיין שלעכט'ס אויף קיין שום מענטשן נישט, ער רעדט גוט'ס. און אז

---

**וְעֹצֶם הַהַעֲלָמָה לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לָזֶה, לְגַלּוֹת הַהַעֲלָמָה כִּי אִם גְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים הַחֲכָמִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּחָכְמָתָם הָעֲמֻקָּה מְאֹד מְאֹד, הֵם מַמְשִׁיכִים שִׂכְלִיִּים נִפְלָאִים מְאֹד, שֶׁעַל יָדָם הֵם מְגַלִּים הַהַעֲלָמָה וּמוֹדִיעִים אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם, וּמְגַלִּין הָאֱמֶת שֶׁכָּל הָעוֹלָם הֶבֶל הֲבָלִים, צֵל עוֹבֵר, הֶבֶל נִדָּף. וְנוֹתְנִים עֵצוֹת וּדְרָכִים יְשָׁרִים לְכָל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי מַדְרֵגָתוֹ בְּאֹפֶן שֶׁיּוּכַל לְהַצִּיל נַפְשׁוֹ מִטָּעוּת הָעוֹלָם, שֶׁבָּא עַל-יְדֵי גֹּדֶל הַהַעֲלָמָה שֶׁבָּעוֹלָם.** וְשֶׁיִּשְׁתַּדֵּל כָּל יָמָיו עַל הָאַחֲרִית וְהַסּוֹף שֶׁיִּנָּצֵל מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, וְיִזְכֶּה לְחַיִּים נִצְחִיִּים לְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר הַתַּכְלִית. וְאַף-עַל-פִּי שֶׁהַכֹּל יוֹדְעִין זֹאת שֶׁהָעוֹלָם הַזֶּה הֶבֶל וָרִיק, אַף-עַל-פִּי-כֵן הַהַעֲלָמָה גְּדוֹלָה כָּל כָּךְ, שֶׁרָצִין הַכֹּל אַחַר הָעוֹלָם הַזֶּה וְאֵין מַשְׁגִּיחִין עַל הַתַּכְלִית, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "זֶה דַּרְכָּם כֶּסֶל לָמוֹ וְאַחֲרֵיהֶם בְּפִיהֶם יִרְצוּ סֶלָה", כְּמוֹ שֶׁפֵּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וַאֲפִלּוּ אִם זוֹכְרִין לִפְעָמִים וְאוֹמְרִים מַה יַּעֲשׂוּ בַּסּוֹף, אֵינָם יוֹדְעִים שׁוּם עֵצָה מַה לַּעֲשׂוֹת לְהַצִּיל נַפְשָׁם. עַל-כֵּן הָעִקָּר הוּא אֱמוּנַת חֲכָמִים אֲמִתִּיִּים, כִּי רַק הֵם יוֹדְעִים בְּחָכְמָתָם הַגְּדוֹלָה אֵיךְ לְגַלּוֹת הַהַעֲלָמָה הַזֹּאת וְלִתֵּן עֵצוֹת נִפְלָאוֹת לְכָל אֶחָד לְפִי עֶרְכּוֹ וּמַדְרֵגָתוֹ.

**כג.** ראה שיש"ק החדש חלק ב' מ"ו. וראה עוד בעני"ז ברוחא דחיי קונטרס ד' (עמ' י"ט ואילך).

מען רעדט אמאל עפעס אנדערע ווערטער, זאגט ער "לאמיר רעדן גוט'ס!". עס גייט אריין דעם רבינ'ס אזמרה אין שטוב, מ'זאל ליב האבן צו רעדן גוט'ס, צו זעהן גוט'ס, עס ברענגט אריין א חיות.

מען ברענגט אריין דעם "**בצר הרחבת לי**" אין שטוב, די געשמאק פון זעהן די הרחבות א גאנצע צייט, זעהן די הרחבות. יעדן טאג איז דא נייע הרחבות, יעדן טאג איז דא הרחבות נפלאות; הרחבות אין פרנסה, הרחבות אין געזונט. אותות ומופתים איז דא, "**על ניסך ונפלאותיך שבכל יום עמנו**", יעדן טאג טוט זיך מעשיות..

א יונגערמאן איז משים לב און ער איז עוסק אין הודאה, ער רעדט פון דעם אין שטוב - ווערט א שטוב פון הודאה.

## ווי קומט אריין עצבות אין א ברסלב'ער שטוב?

אמאל צושרייט זיך איינער אין שטוב - וואס, וואס שרייסטו, וואס שרייסטו? ווי קומט אריין שרייען. וואס שרייסטו? א קינד שרייט.. וואס שרייסטו?! וואס ביסטו בעצבות? - א ברסלב'ער שטוב; ווי קומט אריין עצבות, ווי קומט אריין עצבות? ווי קומט אריין עצבות?!

דער גרעסטער מוסר אין א ברסלב'ער שטוב איז "ווי קומט אריין עצבות?". א שטוב וואס דער רבי פירט אונז אויף א וועג פון קוקן אויף די גוט'ס, ווי קומט אריין עצבות? ווי קומט אריין כעס, ווי קומט אריין אכזריות, ווי קומט אריין זיך קריגן? - ווי קומט עס אריין?!

מ'זאגט דאס נאכאמאל און נאכאמאל, מ'פאלט אראפ און מ'איז זיך מחזק. מ'גייט אריין און מ'דערקענט אז דאס איז א ברסלב'ער שטוב, מ'דערקענט אז עס איז א שטוב וואס איז פול מיטן רבי'ן, א שטוב וואס איז דארטן דא דער אור פון חנוכה, דער "אור האמת". ס'איז א שטוב פון אמת, א שטוב פון אמת!

צוביסלאך גייט אריין דער תכלית, דער תכלית גייט אריין אין שטוב. מ'ווייסט אז די אלע זאכן פון דער וועלט אלעס גייט אריבער, אבער דער עלמא דאתי איז דאך א זאך וואס איז לנצח נצחים - און ב"ה מיר האבן פון די סחורה אסאך.. ברוך השם! ברוך השם!

[**אחד הנוכחים:** האסט דאך פריער געזאגט אז ממילא קאכט מען, ממילא באקט מען..] **יא, מען קאכט** און מ'קאכט.. קאכן; פאר וועמען קאכט מען? מען קאכט דאך פאר מענטשן וואס דינען דעם אויבערשטן! מ'קאכט פאר א מאן, מ'קאכט פאר קינדער, מ'קאכט צו האבן צו עסן און זיין פריילאך, מ'האט הנאה צו מאכן די עסן געשמאקער מען זאל מער הנאה האבן, מ'גרייט צו וואס מ'קען.

דער עיקר איז די מחשבה וואס טראגט. ס'איז דא איינער וואס ער איז פארנומען, ער איז פארנומען ס'זאל קלאפן ס'זאל ארויס קומען, און שרייט א גאנצן טאג.. וואס שרייסטו, וואס שרייסטו? גרייט נישט צו קיין עסן! איך זאג: טאמער שרייט מען, גרייט מיר נישט צו.. טוה מיר נישט קיין טובות, איך וויל זיין פריילאך, איך דארף נישט, איך וויל נישט אזא זאך, איך וויל זיין פריילאך!

**מ'דארף זיין פריילאך! א שטוב דארף זיין פריילאך, א שטוב דארף זיין פריילאך! ס'איז נישטא אזא זאך, דאס איז דער נושא, דער נושא איז מ'זאל זיין פריילאך.**

## "דא מאכט מען פריילאך אידישע קינדער!"

דער חיות פון א אידישע מאמע דארף זיין אז זי האט היינט מצליח געווען צו מאכן פריילאך א שטוב מיט מענטשן, דאס זאל זיין דער חיות. "**ברוך השם איך בין אויפגעשטאנען היינט, פון אינדערפרי ביז ביינאכט האב איך געארבעט צו פריילאך מאכן א משפחה.. דאס איז מיין חיות! דאס איז מיין חיות!**".

דאס הייסט א חסידות'טע, א חסידישע ווייבל מיט די גאנצע געצייג, דאס הייסט א חסידישע ווייב, א חסידישע מאמע: איר גאנצע חיות איז צו מחיה זיין מענטשן.

מ'דארף אניאגן; מ'דארף אניאגן.. מ'דארף אניאגן זיבן עוגות און אכט גלידות.. - **מ'דארף גארנישט! מ'דארף זיין פרייליך, דאס דארף מען.** מ'דארף גארנישט, ס'איז גוט! ס'איז מיר גוט אזוי ווי ס'איז. מען וועט זיך באפארען אויף שבת, ס'איז דא ב"ה חלה מיט פיש, ב"ה עס וועט זיין שבת דא.. פון דא און ווייטער כולו רווח.

"פארוואס ביסטו נארוויז, צו וואס צורודערסטו דעם גאנצן שבת מיט דיין כעס, וואס ביסטו אין כעס, זיי מיר נישט אין כעס, זיי מיר נישט אין כעס דא, ס'איז נישטא קיין כעס..". מ'דארף א גאנצע צייט מנטרל זיין (צונעמען) און אויסשטעקן, אויסשטעקן די שטעקערס פון כעס. **ס'איז נישטא קיין כעס.. שבת, שבת, שבת! שמחה.. שבת.. וואס כעס? - -**

דאס איז א ברסלב'ער שטוב, א ברסלב'ער שטוב פול מיט חיות, פול מיט שמחה. ב"ה ס'וואקסן דא אויף, קינדערלאך וואקסן דא, נפשות וואקסן דא, קינדערלאך פארן אויבערשטן, דאס איז די שטוב.

נישט אז מ'ווערט נישט נכשל - מ'קען נכשל ווערן, מ'קען גאר אסאך נכשל ווערן.. - אבער אפילו אז מ'ווערט אסאך מאל נכשל, איז ווייטער דער רבי; דער רבי פארנעמט, אז מ'פאלט אראפ הייבט מען זיך אויף. האסט זיך אויפגערעגט, זיך נאכאמאל אויפגערעגט, בארוהיג זיך נאכאמאל.

**האסט זיך צעהן מאל אויפגערעגט וועסטו זיך צעהן מאל בארוהיגן, האלט זיך אין איין בארוהיגן!**

דאס איז דער נושא. א שטוב דארף זיין פול פול, פול מיט אור האמת, פול מיט נר חנוכה, פול מיט הודאה, פול מיט שעשועי עולם הבא.

קינדער מאכן שמוציג, קינדער קערן איבער, עס רעגט אויף און עס נעמט ארויס פון די כלים; נישט קיין ברי דעת, נישט קיין אחריות'דיגע, צולאזטע.. - אבער וואס זאגט דער רבי, דער רבי זאגט אז פון כעס איז מען נישט מחנך קיין קינדער[כד].

דער רבי זאגט אין ספר המידות[כה] "**הבנים שוטים כשאביהם כַּעֲסָן**", אז דו ביזסט אין כעס מאכסטו אז דיינע קינדער זענען גרעסערע שוטים. וואס מער דו וועסט זיין אויפגערעגט אויפן מצב וועלן זיי זיין נאך גרעסערע

---

**כד.** ראה בטעם זקנים קונטרס י: **דער וועג פונעם רבי'ן איז געווען א וועג פון אהבה מיט חסד, נישט מיט קיין דינים**, נישט מיט קיין כעס, נישט קיין דינים. **דאס איז סיי ביי זיך אליין, איך טאר אויף זיך אליין נישט זיין אין כעס** [איך מעג אויסזידלען זיך - ביים התבודדות מעג איך זיך אויסזידלען זיך, אבער נישט - אויסזידלען זיך און בלייבן ביי דעם אויסזידלען! נאר זיך דן זיין לכף זכות צוריק!] **און סיי ביי יענעם אוודאי נישט!!** (בכעס וכדומה).

און אפילו אין שטוב אויך, **ס'איז היינט געווארן א געשעפט אז מען ווערט - - גייט מען באלד מיט א ממשלה, מיט כעס, מאכט מען חרוב דעם שטוב, מאכט מען חרוב א שטוב! דאס איז נישט - אין דעם רבי'נס זאך איז דאס געווען טרייף!** נאר בעהטן דעם אויבערשטן, וויאזוי מען זאל זיך פירן, וויאזוי מען זאל קענען פירן (אנדערע)! ס'איז דאך א ממשלה, ער איז דאך א בעל בחירה, איך האב א ממשלה!

**דער ענין פון דעם רבי'נס זאך איז געווען - 'נאר אהבה', אין א שטוב בין איש לאשתו, און איינער מיט'ן אנדערן - חברים, נאר נישט מיט קיין קריגעריי! נישט מיט קיין כעס, נישט מיט קיין דינים!** דורך דינים איז ער שוין דא (הבעל דבר), ער איז שוין דא, דאס איז דאך אינגאנצן זיין יניקה!

אז דער אויבערשטער העלפט, א שטוב פון אהבה - איז עס א שטוב פול מיט חסד, א שטוב מיט רחמים! אז נישט, איז עס א שטוב פול מיט 'דינים', ווי קען דארט אריין די שכינה הקדושה?! (השכינה אומרת:) איך קום אריין אין א שטוב אריין, איך וועהל אויס א שטוב פון אהבה, מיט חסד, און מיט רחמים! און - א שטוב מיט דין, דין, א געוואלד, ווי קען דארט אריינגיין די שכינה?! לאזט ער דעם 'אלטן' (הבעל דבר) דארט אליין, איך קען נישט זיין ביי אייך!

מען דארף וויסן, **אז מ'גייט אריין אין דעם חדר פונעם רבי'ן, דארף מען גיין אויף דעם רבי'נס וועג! דאס איז א וועג פון 'חסד' מיט 'רחמים', מיט 'דן זיין לכף זכות', נישט וויזן קיין שום 'הקפדות', נישט וויזן קיין שום מיני 'כעס', א שטוב פון אהבה! א שטוב פון חסד!**

**כה.** ערך בנים אות ק"ז.

שוטים, מיט נאך גרעסער.. וואס מער דו וועסט זיין אויפגערעגט וועלן זיי זיין מער שוטים ח"ו.

ברוך השם! ברוך השם! וואקסן דא קינדער ברוך השם! נישט קיין אחריות'דיגע יא אחריות'דיגע, איינער מער איינער ווייניגער.. - **אבער ב"ה ס'וואקסט דא אידישע קינדער!**

מ'רעגט זיך אויף; איינמאל רעגט ער זיך אויף בארוהיגט זי אים, איינמאל רעגט זי זיך אויף בארוהיגט ער איר.. - אבער דאס איז א שטוב וואס דער רבי האט דא צו זאגן! דער רבי מישט זיך אריין, דער רבי מישט זיך אריין דא אין שטוב. דער רבי וויל שמחה, **דער רבי וויל די שטוב זאל זיין פול מיט שמחה! פול מיט שמחה!**

דאס איז אור החנוכה, עס קומט אריין, א אור פון חנוכה קומט אראפ אין יעדע אידישע שטוב, ס'קומט אראפ, א אור פון חנוכה **"למטה מעשרה טפחים**[כו]" קומט אראפ אין יעדן שטוב, ברענגט אראפ די שכינה, ברענגט אראפ דעם אור למטה מעשרה טפחים. עס שיינט! עס שיינט אריין אין שטוב א שמחה.

בפרט אז מ'הייבט אן כאפן אז די ביסל שמחה קומט פון רבי'ן - מ'הייבט אן קולֵט זיין אז מ'איז זיך מחזק איינמאל מיט 'אזמרה' און נאכאמאל מיט אזמרה, מיט 'בצר הרחבת לי'.. און **מ'זעהט אז דעם רבינ'ס ווערטער איז מחייה - הייבט מען זיך אן מחייה זיין אין שטוב אז ב"ה מיר האבן אזא רבי'ן.**

---

**כו.** ראה אוצר היראה חנוכה א: וְזֶה בְּחִינַת שֶׁאָנוּ מַדְלִיקִין נֵר חֲנֻכָּה, שֶׁכּוֹלֵל כָּל הַיִּחוּדִים הַקְּדוֹשִׁים (כַּמְבֹאָר בַּכַּוָּנוֹת), כָּל אֶחָד בְּבֵיתוֹ, לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, **כִּי הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים מַמְשִׁיכִין תִּקּוּנִים נִפְלָאִים כָּאֵלֶּה, עַד שֶׁמְּאִירִין בְּחִינַת הַשָּׂגַת אֱלָקוּת עַל־יְדֵי הַצִּמְצוּמִים גַּם לְמַטָּה בִּדְיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד**, שֶׁהִיא בְּחִינַת לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא יָרְדָה הַשְּׁכִינָה לְשָׁם, כִּי בְּגֹדֶל כֹּחָם יְכוֹלִין לְהָאִיר אֲפִלּוּ בְּהַקְּטַנִּים וְהַגְּרוּעִים מְאֹד אִם רוֹצִים לְקַבֵּל, בִּבְחִינַת "גַּם כִּי אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא אִירָא רָע כִּי אַתָּה עִמָּדִי", וּבִבְחִינַת "כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי" (עפ"י הל' השכמת הבוקר ה"ד אות י).

ב"ה מיר זענען ברסלב'ער און מ'רעדט פון רבי'ן און מ'פריידט זיך אז מיר האבן א רבי'ן וואס ער פירט אונז אויפן קו פון שמחה, אויף א אנדער חינוך. ברסלב'ער האבן א אנדער חינוך, אין ברסלב איז דער חינוך "שמחה". **מיר האבן א רבי'ן וואס ער פירט אונז אויפן וועג פון שמחה.**

דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתנ'ען[כז]: "**דער עיקר איז פריילאך, און פרום אויך!**". דער רבי איז אנדערש ווי די גאנצע וועלט, ביי דעם רבי'ן איז דער אל"ף בי"ת - "שמחה". א"ב פון יראת שמים איז שמחה, דאס איז ביי דעם רבי'ן א"ב פון יראת שמים.

זעהסט א קינד - דער רבי ברענגט אין ספר המידות[כח] אז ווער עס איז פריילאך - ס'איז משמע אז מ'רעדט וועגן קינדער. אויף יעדן איינעם אבער אויף קינדער איז עס מער משמע.. - איז א סימן אז ער איז "**זֶרַע בֵּרַךְ ה'**"! דאס הייסט, אז דער גאנצער אידישער פנים פון 'זרע ברך השם', איז פריילאכקייט!

---

**כז.** ראה בכוכ"א שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת כ"ח: מוֹהֲרַנַ"ת זְצוּקַ"ל כָּתַב לְרַבִּי עוֹזֵר, שָׁמַעְתִּי שֶׁר' עוֹזֵר אִיז נָאר פְרוּם (הוּא רַק יָרֵא) לֹא כָּךְ קִבַּלְתִּי מֵרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, **דֶער עִקָר אִיז נָאר פְרַיְילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ** (הָעִקָר הוּא רַק שִׂמְחָה וְיִרְאָה גַּם).

וראה עוד בשיחות הר"ן קנ"ה (אחרי שאמר רביה"ק את תורה י"ז תנינא): וּבִתְחִלָּה שָׁאַל אוֹתִי: הַאַתָּה שָׂמֵחַ בְּשַׁבָּת? הֵשַׁבְתִּי: אֲנִי, לִפְעָמִים נִתְעוֹרֵר עָלַי אֵיזֶה יִרְאָה בְּשַׁבָּת (שֶׁקּוֹרִין פְרוּם). וְאָמַרְתִּי לוֹ בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: **אִיךְ בִּין אַמָאל פְרוּם.** וְהֵשִׁיב: **לֹא כָּךְ הוּא, הָעִקָּר הוּא שִׂמְחָה.** וְאָז הוֹכִיחַ אוֹתִי הַרְבֵּה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה דַּיְקָא בְּשַׁבָּת. וְאָז אָמַר כָּל הָעִנְיָן הַנִּדְפַּס בְּ"לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא" סִימָן י"ז הַנִּזְכָּר לְעֵיל מֵעִנְיַן מַעֲלַת הַשִּׂמְחָה בְּשַׁבָּת. וְנִכְלָל שָׁם שֶׁגַּם הַיִּרְאָה עִקַּר עֲלִיָּתָהּ עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה שֶׁל שַׁבָּת דַּיְקָא, הַיְנוּ שֶׁעִקַּר הוּא רַק הַשִּׂמְחָה בְּשַׁבָּת. וְאָז דַּיְקָא עוֹלָה הַיִּרְאָה שֶׁהוּא בְּחִינַת מַה שֶּׁקּוֹרִין פְרוּם. וְהֶאֱרִיךְ הַרְבֵּה בַּשִּׂיחָה הַקְּדוֹשָׁה הַזֹּאת וכו' עיי"ש. וראה שם עוד בשיחה קנ"ג (מתיאור התגלות תורה ע"ח תנינא בשבת נחמו התק"ע): וְהִתְפָּאֵר בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא עַתָּה בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה. וְאָמַר שֶׁהוּא בְּיִרְאָה וּבְשִׂמְחָה. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: **אִיךְ בִּין הַיינְט פְרוּם פְרֵיילַךְ** וכו' עיי"ש.

**כח.** שמחה (ח"א) אות כ"ב: הַשִּׂמְחָה הִיא סִימָן שֶׁהוּא זֶרַע בֵּרֵךְ ה'.

## דער א"ב דא אין שטוב: שמחה!

א זאך וואס אין שטוב דארף מען שטיין אויף דעם: אז דא אין שטוב זאל זיין פריילאך, דא אין שטוב זאל זיין פריילאך! אז מען איז פריילאך טרייבט עס אוועק אלע מידות רעות. אז מ'איז פריילאך גייט אוועק קנאה מיט מחלוקת'ן, עצבות מיט תאוות מיט ליגנט'ס מיט אלע מרעין בישין.. אלעס לויפט אוועק פון שטוב אז מ'איז פריילאך!

[**שואל:** פירן א שטוב 'פרום', איז א סתירה צו שמחה?] **א שטוב דארף זיך פירן פריילאך** נישט 'פרום', פרום אויך - אבער דער עיקר פון א שטוב דארף זיין פריילאך, פריילאך!

די מידה וואס זי פירט דא אין שטוב (אין היינטיגע שפראך רופט מען דאס 'דאמינאנטיש', פעיל..) איז שמחה. אזוי ווי ווען מ'קומט אריין ביי א חתונה, וואס איז דא דער נושא? שמחה! אוודאי איז דא דא נאך אסאך זאכן, אסאך מרכיבים, אסאך זאכן.. אבער וואס איז דא דער נושא? שמחה!

[**ש:** עס קען אויס קוקן ווי קלות ראש..] **וואס איז קלות ראש?** [ש: זיין פריילאך, זיין באתגליא פריילאך..] זיין באתגליא.. מ'דארף נישט זיין 'באתגליא' פריילאך - מ'דארף זיין פריילאך! זיי מיר מסביר, דו רעדסט זאכן איך ווייס נישט פון וואו דו נעמסט עס. איך ווייס נישט וואס א שייכות האט עס צו וואס מיר רעדן דא בכלל.. פשוט, מ'דארף זיין פריילאך! מ'דארף זיין פריילאך[כט]!

---

**כט.** ראה כוכבי אור ששון ושמחה סוף תפילה ג: ..וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מִמִּצְוָה שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעָקֵב כָּזֹאת [כִּי אֵין לְךָ מִצְוָה שֶׁאָדָם דָּשׁ בְּעָקֵב כְּמוֹ מִצְוַת הַשִּׂמְחָה וְהָרִקּוּדִין וכו'] **אֲשֶׁר הַבַּעַל דָּבָר מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְוַת הַיִּרְאָה, וּמַכְנִיס וּמֵבִיא גַּם בְּלֵב הַכְּשֵׁרִים שֶׁחָלִילָה לְבַלּוֹת זְמַן עַל הַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין וְשִׂמְחָה בָּהּ'.** הַצִּילֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ מִכָּל מִינֵי מְבוּכוֹת וְטָעֻיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וֶהֱיֵה בְּעֶזְרִי שֶׁגַּם בְּעֵת שֶׁלִּבִּי אָטוּם וּמְבֻלְבָּל מִלְּהַרְגִּישׁ הֵיטֵב אֶת הַשִּׂמְחָה הָאֲמִתִּית, הֱיֵה בְּעֶזְרִי שֶׁאַמְשִׁיכָה עָלַי עַל־יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא וְעַל־יְדֵי רִקּוּדִין וּשְׁאָר תְּנוּעוֹת בַּגּוּף, וְעַל־יְדֵי שֶׁאֶעֱשֶׂה עַצְמִי כְּאִלּוּ אֲנִי שָׂמֵחַ. וְעַל־יְדֵי קוֹל הַנְּגִינָה הַמְּבִיאָה אֶת הַשִּׂמְחָה בַּלֵּב, וְעַל־יְדֵי דִּבּוּר שֶׁאֲדַבֵּר הַרְבֵּה אֶת

מ'דארף זיין פריילאך, יא, אזוי האט ר' נתן געזאגט. דער רבי האט עס געזאגט ר' נתנ'ען "**דער עיקר פריילאך און פרום אויך**", די מידה העיקרית איז שמחה. רבי אברהם ב"ר נחמנ'ס זאגט[ל] אין כוכבי אור ביי די תפילות דארטן, אז שמחה איז דער "**כלליות דכלליות**" פון אלע מידות. דאס הייסט, אלע מידות זענען פרטים אין די מידה פון שמחה; אז דו האסט שמחה האסטו אלע מידות, אלע מידות גייען אריין אין דעם. שמחה, שמחה, שמחה.. "**משונה פריילאך**"[לא]!

וואס מער [מען איז] פריילאך - איז מער גוטע מידות, מער יראת שמים, מער א אפגעהיטנקייט, אלעס.. אין שטוב דארף זיין שמחה.

איך ווייס נישט פארוואס דו זאגסט שמחה מיט קלות ראש, וויאזוי קומט אריין קלות ראש? שמחה מיט קלות ראש זענען בכלל נישט קיין מחותנים.. שמחה איז[לב] - -

---

דִּבְרֵי הַשִּׂמְחָה בַּפֶּה, שֶׁגַּם זֶה מֵבִיא אֶת זִכְרוֹן הַשִּׂמְחָה בַּלֵּב תָּמִיד, עַד שֶׁאֶזְכֶּה בַּחַיִּים חִיּוּתִי לְכָל אֲשֶׁר אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ לִזְכּוֹת וּלְמַלְאוֹת כַּוָּנָתְךָ בִּבְרִיאַת עוֹלָמְךָ בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת כָּרָאוּי.

**ל.** ששון ושמחה תפילה ה'.

**לא.** ראה חיי מוהר"ן שע"א: אָמַר לִי הַאַתָּה תִּהְיֶה בְּמָרָה שְׁחוֹרָה. אַתָּה מְחֻיָּב לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד [בְּפֵרוּשׁ אָמַר לִי כֵּן] - "**דוּ זָאלְסְט נָאךְ זַיין אִין דֶער מָרָה שְׁחוֹרָה?! דוּ בִּיסְט מְחֻיָּב "מְשֻׁנֶּה פְרֵייליךְ" צוּ זַיין!**".

**לב.** וראה אוצר היראה שמחה ב: שִׂמְחָה דִּקְדֻשָּׁה הִיא בְּוַדַּאי דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, כִּי זֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הָעֲבוֹדָה לַעֲבֹד אֶת ה' בְּשִׂמְחָה. וְהַשִּׂמְחָה הִיא הַנְּקֻדָּה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל כָּל הַמִּצְוֹת. וּבֶאֱמֶת מִי שֶׁהוּא בִּכְלַל הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הָאֲמִתִּית, יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ כָּל יָמָיו בְּכָל עֵת וְרֶגַע וכו'. אַךְ **מִפְּגַם וּנְפִילַת הַשִּׂמְחָה דִּקְדֻשָּׁה הַנַּ"ל, מִזֶּה נִשְׁתַּלְשֵׁל הַטָּעוּת שֶׁל כַּת הַבּוֹחֲרִין בְּשִׂמְחָה שֶׁל הוֹלֵלוּת וְשִׁכְרוּת, אֲשֶׁר צְרִיכִין לִיזָּהֵר וְלִשְׁמֹר מִזֶּה מְאֹד** (עפ"י תפלה הלכה ד, ח). [וראה ברוחא דחיי קונטרס ט"ו (עמ' י"ז) שההוללות באה ממרה שחורה וכו'. וברוחא דחיי קונטרס ט' (עמ' כ"ו) שליצנות באה ממרה שחורה וכו'. וכדברי רביה"ק בתורה פ"ג תנינא שהעצבות והליצנות שניהם באים ממרה שחורה וכו' בחי' שחוק הכסיל וכו' עיי"ש].

וראה בליקו"מ תורה כ"ד תנינא: כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה, **כִּי מִלֵּב נִשְׁבָּר בְּקַל יְכוֹלִין לָבוֹא לְמָרָה שְׁחֹרָה יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר יְכוֹלִין לִכָּשֵׁל עַל יְדֵי שִׂמְחָה חַס וְשָׁלוֹם, לָבוֹא לְאֵיזֶה הוֹלֵלוּת, חַס וְשָׁלוֹם**. כִּי זֶה קָרוֹב יוֹתֵר לָבוֹא מִלֵּב נִשְׁבָּר לְמָרָה שְׁחֹרָה. **עַל כֵּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּשִׂמְחָה תָּמִיד** רַק בְּשָׁעָה מְיֻחֶדֶת יִהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר וכו'.

**[ש: וואס הייסט "וגילו ברעדה"?]** ווייסט וואס הייסט 'גילו ברעדה', וואס הייסט גילו ברעדה? - איך וועל דיר זאגן וואס הייסט 'גילו ברעדה'. אוואו שטייט וגילו ברעדה? אוואו שטייט עס, אין תהילים קאפיטל ב'.

**"עִבְדוּ אֶת ה' בְּיִרְאָה וְגִילוּ בִּרְעָדָה**[לג]**"** - זאגט רש"י, וואס הייסט וגילו ברעדה, "**כשתבוא אותה רעדה שכתוב בה 'אחזה רעדה חנפים' תגילו ותשמחו**". ווען עס וועט אנקומען עפעס א רעדה אויף די וועלט, די אלע חנפים וועט אנכאפן א רְעָדָה א ציטער, און איר "**תגילו ותשמחו**", איר וועט זיין פריילאך.

דאס הייסט 'וגילו ברעדה'; וועסט זיין פריילאך - בשעת די גאנצע וועלט ציטערט וועסטו זיין פריילאך. דאס הייסט וגילו ברעדה, בשעת רעדה וועסטו זיין פריילאך. בשעת וואס אלע ציטערן 'קדחות', וועסטו זיין פריילאך (ווייל דו דינסט דעם אויבערשטן, דו האסט נקודות טובות..).

דאס הייסט "וגילו ברעדה" - פריילאך! פריילאך[לד]!

---

**לג.** תהילים ב, יא. (וראה בגמ' ברכות ל' ע"ב המובא לקמן בהערות).

**לד.** ראה ברבינו יונה (ברכות ל. ד"ה וגילו): כשהאדם מתבונן בגדלותו וירא מפניו, **ישמח ויגיל באותה יראה**, מפני שבאמצעיתה מתעורר לקיים המצות, ושש ונעלס בקיומה שיודע ששכרו אתו ופעולתו לפניו, ועל שמחה כזו תמצא שאמר בפסוק אחד עבדו את ה' ביראה וגו' ובפסוק אחד עבדו את ה' בשמחה, ר"ל **תעבדו את ה' ביראה ובאותו היראה תשמחו ותגילו בה.** (וראה באורחות צדיקים סוף שער האהבה ובמס"י פי"ט).

ומוהרנ"ת בליקוטי הלכות מאריך הרבה בזה בביאור דרכי היראה והשמחה בדרכים נפלאים, והבאנו כאן רק מעט מזעיר כמאן דמחוי במחוג.

ראה בהלכות הודאה ו, י"ב: אֲפִלּוּ יִרְאַת הָעֹנֶשׁ וְכָל הַיִּרְאוֹת הַטּוֹבוֹת צְרִיכִין לְקַבֵּל רַק לְטוֹבָה וְלֹא לְרָעָה בִּבְחִינַת יִרְאַת ה' לְחַיִּים, לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי הַיִּרְאָה מִכָּל מָקוֹם שֶׁהוּא וְלֹא לְהִתְרַחֵק חַס וְשָׁלוֹם, **שֶׁדַּיְקָא עַל-יְדֵי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ יָבוֹא לְשִׂמְחָה בִּבְחִינַת "וְגִילוּ בִּרְעָדָה", שֶׁדַּיְקָא עַל-יְדֵי הַיִּרְאָה וְהָרְעָדָה מֵעֳנָשִׁים הַגְּדוֹלִים רַחֲמָנָא לִצְלָן, עַל-יְדֵי זֶה דַּיְקָא יָבוֹא לְשִׂמְחָה** עַל שֶׁהוּא עַל כָּל פָּנִים בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל וּמְקֹרָב לְצַדִּיקִים וכו' וכו' וְאִם יִבְטַח בְּכֹחַ הַצַּדִּיקִים וְיִתְחַזֵּק בְּשִׂמְחָה, עַל-יְדֵי זֶה בְּוַדַּאי יִהְיֶה אַחֲרִיתוֹ טוֹב וְיִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה וכו' [..] **עַל-כֵּן צְרִיכִין לְהִתְקָרֵב לִירֵאִים בֶּאֱמֶת וּלְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ שִׂמְחָה בְּכָל הַכֹּחוֹת עַל-יְדֵי כָּל הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁמּוֹצֵא עֲדַיִן בְּעַצְמוֹ וְכוּ'**.

מ'מעג מאכן א טענצל אין שטוב? אה, ס'איז א פראבלעם מיט "גילו ברעדה"?! טאמער די קינדער שרייען, און דער טאטע ער ווייסט נישט וואס צו טאן ער הייבט אן צו זינגען, איז עס קלות ראש[לה]?!

---

ובהל' בכור בהמה טהורה ה, ז: **"וְגִילוּ בִּרְעָדָה" - כִּי כָּל מַה שֶּׁהַיִּרְאָה גְּדוֹלָה יוֹתֵר וְנִמְשֶׁכֶת מִדַּעַת עֶלְיוֹן יוֹתֵר הַשִּׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר**. ושם באות י"ט: וְזֶה בְּחִינַת עֶצֶם הַשִּׂמְחָה שֶׁל פּוּרִים בְּחִינַת **"וְגִילוּ בִּרְעָדָה"** וכו'. [..] **כִּי גַּם מִיִּרְאַת הָעֹנֶשׁ הוּא שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב** מֵאַחַר שֶׁמַּאֲמִין שֶׁהַכֹּל מֵה' יִתְבָּרַךְ לְבַד וְהַכֹּל לְטוֹבָה. כִּי יֵשׁ שֶׁמֵּחֲמַת יִרְאַת הָעֹנֶשׁ נוֹפֵל לְעַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם וְלִפְעָמִים לִכְפִירוֹת חַס וְשָׁלוֹם כַּמָּצוּי בַּאֲנָשִׁים רַבִּים כְּשֶׁיּוֹשְׁבִין עַל סִפְרֵי מוּסָר שֶׁמְּדַבְּרִין מֵעֹצֶם הָעֳנָשִׁים הֵם בָּאִין לְעַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ' וְנוֹפְלִים יוֹתֵר חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ', וְזֶה הָיָה כַּוָּנַת הָמָן לְהַפִּיל אֶת יִשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם. אֲבָל מָרְדְּכַי הוּא בְּחִינַת שֵׂכֶל עֶלְיוֹן וְנוֹרָא כָּל כָּךְ **שֶׁיָּכוֹל לְהַכְנִיס יִרְאַת הָעֹנֶשׁ עַד שֶׁיָּבֹאוּ לִידֵי שִׂמְחָה עֲצוּמָה עַל-יְדֵי גֹּדֶל הָעֵצוֹת שֶׁנּוֹתֵן לְכָל אֶחָד בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ שֶׁיּוּכַל לִמְצֹא אֶת ה' יִתְבָּרַךְ עַד שֶׁיִּהְיֶה בְּשִׂמְחָה, וְזֶה עִקַּר תַּקָּנָתוֹ** וכו'. [..] **כִּי כְּשֶׁהַיִּרְאָה עִם דַּעַת נִמְשָׁךְ עַל יָדָהּ שִׂמְחָה רַבָּה בְּחִינַת "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"**.

וראה בעלים לתרופה מכתב מ"ט: ה' הַטּוֹב יְכַפֵּר וְיָגֵן עָלֵינוּ **וְיַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ בְּרַחֲמָיו יִרְאָתוֹ הַגְּדוֹלָה וכו' עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה עַל יְדֵי זֶה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"**, וְזֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הַיִּרְאָה כְּשֶׁזּוֹכִין עַל יָדָהּ לְשִׂמְחָה. וּכְבָר כָּתַבְנוּ וְדִבַּרְנוּ הַרְבֵּה בָּזֶה, שֶׁאֲפִלּוּ עַל יְדֵי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ זוֹכִין לְשִׂמְחָה עַל פִּי הַדְּרָכִים שֶׁקִּבַּלְנוּ לְשַׂמֵּחַ נַפְשֵׁנוּ בְּכָל הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת וְכוּ'. ובמכתב קצ"ח: וְתֵכֶף שֶׁזּוֹכְרִין בְּיִרְאַת ה', אַף עַל פִּי שֶׁיּוֹדְעִים כָּל אֶחָד בְּנַפְשׁוֹ שֶׁאֵינוֹ נָקִי כְּלָל, אַף עַל פִּי כֵן יְכוֹלִים לִשְׂמֹחַ וְלִחְיוֹת חַיִּים אֲמִתִּיִּים, כִּי יִרְאַת ה' תּוֹסִיף יָמִים, בְּחִינַת יִרְאַת ה' לְחַיִּים. **וְזֶה עִקַּר שְׁלֵמוּת הַיִּרְאָה שֶׁדַּיְקָא עַל יְדֵי הַיִּרְאָה הַגְּדוֹלָה יַגִּיעַ לְשִׂמְחָה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"**. וְעִקַּר בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, כִּי מֵאַחַר שֶׁזּוֹכְרִין אֵיךְ צְרִיכִין לִפְחֹד וְלִרְעֹד מֵעֹצֶם הַפְּגָמִים וְכוּ' תֵּכֶף מְחַיִּין וּמְשַׂמְּחִין עַצְמָן מַה שֶּׁאָנוּ סְמוּכִין בְּכֹחַ גָּדוֹל וְנִפְלָא כָּזֶה וְכוּ'. בִּפְרָט שֶׁזָּכִינוּ גַּם כֵּן לַחֲטֹף כַּמָּה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת בְּכָל יוֹם, לְהַחֲיוֹת עַצְמֵנוּ עַל יְדֵי זֶה.

**לה.** ראה טעם זקנים קונטרס נ"ח (עמ' 12): דו דארפסט זיין 'פריילעך' ווייל דו ביסט אין 'ארץ ישראל'! און מיט דעם קענסטו האבן עפעס א סארט - א 'שובע שמחות את פניך' - עפעס א פרייליכן פנים! **נו, דו דארפסט זיין אזוי פריילעך אז דו זאלסט פריילעך מאכן די שטוב אויך!**

דער שווער עליו השלום [ר' אהרן קיבליטשער ז"ל], ער איז געווען א גרויסער ארימאן... און אז ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין, האט ער געמאכט די שטוב 'פרייליך', כאטש ער האט זיי גארנישט געגעבן - אן ארימאן! **נאר ער האט געמאכט די שטוב פרייליך, די גאנצע שטוב איז געווארן שמחה'דיג ווען ער איז אריינגעקומען! ער איז געווען א פרייליכער איד! א**

[ש: די גמרא זאגט אין ברכות לו אז איינער פון די אמוראים "קא בדח טובא" האט מען אים געפרעגט "והא כתיב וגילו ברעדה"..] נו, און וואס האט ער אים געענטפערט, **"אנא תפילין קא מנחנא"**. אה, וועסטו אויך זאגן - [אנשטאט 'תפילין קא מנחנא' וועסטו ענטפערן:] - **"אנא רבינו קא מנחנא!". 'מנחנא' איז [אותיות] נחמן. "אנא תפלין קא מנחנ"א", איך גיי רבי נחמן'ס תפילין..**

[מיר האט דערציילט איינער אז עס איז געווען ביי די שבעה פון ר' אברהם אנשין, ר' אפרים נחמן'ס טאטע, זענען זיי געזעצן שבעה – אזוי דאכט זיך מיר אז דארט איז עס געווען, און איינער פון אונזערע לייט איז דארטן אויך געווען און זיי זענען געזעצן דארטן, און מ'האט געזאגט ווערטלאך, און מ'האט געזען דארטן עפעס א ליטפיק, און ער האט געזאגט אזוי; "יושב פה גדול ועושה ליצנות, יושב פה גדול ועושה ליצנות..." - **איר פארשטייט? מ'דארף זיין פריילאך..]**

## דער רבינ'ס חינוך: שמחה!

ר' יעקב מאיר דערציילט אלעמאל פון זיין שוואגער ר' אברהם אנשין ז"ל, ער האט געהאט א גרויסע משפחה און ער האט זיך געמוטשעט מיט פרנסה. ער האט געוואוינט אין קטמון צווישן די פרייע, די קינדער האבן געדארפט אלע טאג אריין פארן אין מאה שערים, די אינגלאך מיט די מיידלאך. אוי ס'איז געווען א לעבן פון נסיונות נישט אויס צו האלטן. און אף על פי כן

---

**'טאנץ' און א 'שפרונג' און א 'געלעכטער', האט ער משמח געווען די שטוב, אלע קינדער משמח געווען!**

**לו.** ברכות דף ל ע"ב: אביי הוה יתיב קמיה דרבה, חזייה דהוה קא בדח טובא, אמר "וגילו ברעדה" כתיב, א"ל אנא תפילין מנחנא. ר' ירמיה הוה יתיב קמיה דר' זירא, חזייה דהוה קא בדח טובא, אמר ליה "בכל עצב יהיה מותר" כתיב, א"ל אנא תפילין מנחנא. וכתב רש"י: **דהוה קא בדח טובא.** יותר מדאי ונראה כפורק עול. **תפילין מנחנא.** והם עדות שממשלת קוני ומשרתו עלי. (וענין השמחה בתפילין דייקא ראה בליקו"ה תפילין ד, ב. ובהל' תפילין ו, ב).

קיינער פון זיין משפחה איז נישט קאליע געווארן, א משפחה פון פופצן קינדער בליעה"ר, אלע פרום און פיין.

דער סוד פון די שטוב איז געווען די שמחה, אנגעפיהלט די שטוב מיט שמחה. די קינדער האבן שפעטער געזאגט אז עס האט זיי געעקלט, די גאנצע פרייע לעבן האט זיי געעקלט. ס'איז געווען אזא פריילאכער לעבן ביי זיי, אז זיי האבן אנגעקוקט די אנדערע מענטשן פון ארום און ארום אזוי ווי בעלי חיים.

אין יעדער משפחה איז דא אמאל קפידות מיט קריגערייען, דער שוואגער מיט דער שוואגער, יענע שוועגערין מיט יענע שוועגערין, די שוועסטער מיט דער פעטער, און דער פעטער מיט די מומעס.. וואס ס'טוט זיך ליידער ביי משפחות, קפידות מיט מרירות איינער אויפן צווייטן, יענע האט געמאכט אהער און יענער אהין.. די אלע זאכן, אויב מ'געבט נישט אכטונג, נעמט עס ארויס, דעם טעם פון דעם לעבן נעמט עס ארויס.

אין א שטוב וואס מ'ברענגט אריין א שמחה שלאגט מען א גאנצע צייט ארויס די אלע זאכן. **"מ'רעדט נישט פון קיין מענטשן, מ'רעדט נישט פון קיין מענטשן, עס איז נישטא אזא זאך, נישטא קיין חשבונות, נישטא אזא נושא..."**.

דאס דארף מען אסאך אסאך, נישט אלעמאל מאכט זיך די זעלבע צייטן, אמאל איז דא גלים און עס איז דא נסיונות, כל מיני זאכן. אבער דאס דארף מען וויסן: דער רבי איז א חינוך פון שמחה! דער רבי ברענגט אריין אידישקייט דורך שמחה!

## זכרון בשמחת עלמא דאתי

ביי דעם רבי'ן קומט אריין אידישקייט דורך שמחה. ביים רבי'ן איז אין די אייגענע אידישקייט אויך אזוי; וויפל דו וועסט אריין לייגן שמחה אין דיין

טאג דאס איז די אידישקייט פון דיין טאג, יעדן טאג זאלסטו אריין נעמען שמחה אין דיין טאג.

די ערשטע מחשבה וואס א מענטש דארף טראכטן אינדערפרי, דער רבי זאגט[לז]: אזוי איז דער "מנהג יראי השם", אז ווי זיי עפענען אויף די אויגן גלייך, וואס טראכט מען - "עלמא דאתי", זכרון עלמא דאתי.

רבי אברהם ב"ר נחמנ'ס איז מסביר[לח] אז **וואס הייסט טראכטן 'זכרון עלמא דאתי' - שמחת עלמא דאתי!** טראכטן בפרטיות אז יעדער נקודה, יעדער נקודה פון 'סור מרע' און 'עשה טוב' במחשבה דיבור ומעשה - סור מרע במחשבה און עשה טוב במחשבה, סור מרע בדיבור און עשה טוב בדיבור, סור מרע במעשה און עשה טוב במעשה - **יעדער נקודה איז נצח נצחים!!**

---

**לז.** ליקוטי מוהר"ן תורה נ"ד: וּבְחִינָה זוֹ, לִזְכֹּר תָּמִיד בָּעוֹלָם הַבָּא דְּהַיְנוּ לְאַדְבָּקָא מַחֲשַׁבְתֵּהּ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי הוּא בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת. בִּכְלָלִיּוּת, **כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר, יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי**. וְאַחַר כָּךְ יַעֲשֶׂה זֹאת בִּפְרָטִיּוּת וכו' עיי"ש. ובקל"מ: כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, שֶׁתֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ מִשְּׁנָתוֹ, **מִיָּד כְּשֶׁיִּפְתַּח אֶת עֵינָיו קֹדֶם שֶׁיַּעֲשֶׂה שׁוּם דָּבָר, יַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ תֵּכֶף בְּעָלְמָא דְּאָתֵי**.

**לח.** ראה ששון ושמחה תפילה א: רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים מְקוֹר כָּל הַתַּעֲנוּגִים וְהַשְּׂמָחוֹת שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמִים, **הֱיֵה בְּעֶזְרִי לִשְׁמֹר הֵיטֵב אֶת הַזִּכָּרוֹן בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה שֶׁל סוּר מֵרַע וַעֲשֵׂה טוֹב בְּמַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה**, שֶׁהִיא הַמְקַשֶּׁרֶת אֶת נִשְׁמָתִי בְּדַעַת אֱלֹהוּתְךָ בְּדַעַת לְמַעְלָה מִדַּעַת וּבְעֹנֶג לְמַעְלָה מֵעֹנֶג עַד בִּלְתִּי תַּכְלִית, **עָזְרֵנִי לְהַעֲמִיק מְאֹד בָּזֶה אֶת זִכְרוֹנִי וְכָל פְּנִימִיּוּת רַעְיוֹנַי, בְּאֹפֶן שֶׁאֶזְכֶּה לִשְׂמֹחַ בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה כָּרָאוּי לִשְׂמֹחַ בָּזֶה**, כִּי אַתָּה הוּא עֶצֶם הַטּוֹב דְּטוֹב וְהָעֹנֶג דְּעֹנֶג וְהַשִּׂמְחָה דְּשִׂמְחָה עַד בִּלְתִּי תַּכְלִית וכו'.

וראה בליקו"ה ברכות פרטיות (המיוסדת על תורה נ"ד) ה, כ: **תֵּכֶף כְּשֶׁזּוֹכְרִין בָּעוֹלָם הַבָּא צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִשְׂמֹחַ בְּחֵלֶק נְקֻדָּתוֹ הַטּוֹבָה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל**. כִּי נְקֻדָּה דִּנְקֻדָּה מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל שֶׁיֵּשׁ לְהַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, אֵין כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי לִסְבֹּל תֹּקֶף עֹצֶם הַשִּׂמְחָה שֶׁיִּזְכֶּה לֶעָתִיד.

זיך דערמאנען "שמחת עולם הבא", דאס הייסט טראכטן פון תכלית. טראכטן פון תכלית הייסט טראכטן פון די שמחה[לט]. די שמחה וואס גייט זיין פאר די ציצית, וואס גייט זיין פאר די פיאות, וואס גייט זיין פאר די בארד, וואס גייט זיין פאר די נעגל וואסער, וואס גייט זיין פאר די מזוזה. דאס איז די שמחה, **דאס איז מנהג יראי השם, ער געדענקט שמחת עולם הבא.**

בפרט א ברסלב'ער חסיד וואס מ'לערנטביים רבי'ן, וואס דער צדיק אליין איז דער 'עולם הבא'. ער דערמאנט זיך פון רבי'ן, דערמאנט זיך דעם טעם פון רבי'ן וואס דאס איז דער טעם פון נצח נצחים.. דער טעם פון רבי'ן.. - דאס הייסט 'זכרון עלמא דאתי'[מ].

און דאס איז וואס יעדער איינער דארף וויסן - דער שורש פון אידישקייט איז שמחת עלמא דאתי! שמחת הנצחיות! די שמחה פון די נקודות טובות! וואס מ'קויפט זיך איין.. וואס מען איז זוכה דא.. אוואו מ'גייט, קלייבט מען בריליאנטן, קלייבט מען 'עולמי עד' און 'נצח נצחים'!

---

**לט.** ראה טעם זקנים קונטרס קט"ו (עמ' ח'): דער רבי זאגט: **"מען דארף היטן זייער דעם זכרון פון עלמא דאתי!"** און דער רבי זאגט: **"מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!". אט דיביידע זאכן - איינס איז נישט סותר דאס אנדערע**; 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד' און 'מען זאל היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי'. אז מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי ווייל עס איז דא נאך א וועלט - ווי קען מען זיין פרייליך? אפשר וועסטו מיינען 'אביסל', זאגט דער רבי, ניין, "תמיד", 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד'.

נאר אז פון אויבן אויף מיינט דארטן דער 'יום המיתה', ליגן אין דערערד, אין דער שניי, עס איז קאלט - אוודאי קען מען נישט זיין פרייליך.. **אבער אז יום המיתה מיינט מען דעם תענוג פון עולם הבא, "שעשוע עולם הבא" - וואס דאס איז אזא מין תענוג וואס א רגע תענוג פון דארטן איז בעסער פון דעם גאנצן עולם הזה - אויב דאס איז דער עולם הבא וואס דעם זכרון דארף איך היטן, קען שוין זיין ביידע צוזאמען אויך!**

עס ווארט אויף מיר אזא 'תענוג עולם הבא'! אזא 'שעשוע עולם הבא'! וואס די מלאכים וועלן מיר דארפן פרעגן 'וואס טוהט דער אויבערשטער'ן', אזא תענוג שטייט פאר מיר, און דאס איז דער תכלית פון יעדן אידן.

**מ.** עיין בביאוה"ל תורה נ"ד אות י"ח.

די שמחה דאס איז דער שורש פון יראת שמים. וואס מער מ'פריידט זיך מיט דעם, פאלט אוועק די נסיונות, פאלט אוועק אלעס. אנדערע דיבורים, אנדערע מחשבות, אנדערע מעשים. דאס איז "יראי השם", דאס איז די יראה, א אנדער יראה אינגאנצן.

וואס מער א מענטש זעטיגט זיך מער אָן מיט עלמא דאתי, ער גייט ארום א שָׂבֵעַ: "אה ברוך ה', שישו בני מעיי שישו.. ברוך ה', איך בין פול מיט עולם הבא. ברוך ה', איך בין פול מיט עולם הבא! איך בין נאך טאקע ווייט פון דעם אויבערשטן, איך האב פול חסרונות - **אבער איך בין פול מיט עולם הבא, פול מיט נקודות טובות, פעק און זעק.. איך בין אזוי פריילאך!!**

די שמחה געבט א חיות צו גיין ווייטער, צו מתפלל זיין, צו זיך מתגבר זיין און צו אנגיין ווייטער. עס מאכט א טעם אין לעבן, עס מאכט א משמעות אין דעם לעבן, עס מאכט א ציל אין דעם לעבן.

און פארוואס, פארוואס איז מיין טאג היינט א טאג? וואס גיי איך טאן היינטיגן טאג, וואס גיי איך טאן היינטיגן טאג?! - פאקן די פעקלאך פאר עלמא דאתי[מא]!

וואס הייסט וואס?! - עס רינט דא בריליאנטן פון אלע זייטן, און מ'פאקט, מ'פאקט און מ'לייגט אוועק.. מ'פאקט און מ'לייגט אוועק [אויף יענער וועלט][מב].

---

**מא.** ראה אוצר היראה ערך מצות ומעש"ט י"ב: עַל־יְדֵי קִיּוּם הַמִּצְוֹת מֵכִין הָאָדָם צֵידָה לְדַרְכּוֹ הָאָרֹךְ, כְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל: אֹרְחָן רְחִיקָא וְזַוְדִין קַלִּילָא.. **אַשְׁרֵי לְמִי שֶׁזּוֹכֶה לְהָכִין לְעַצְמוֹ צֵידָה לְדֶרֶךְ רָחוֹק מְאֹד מְאֹד כָּזֶה.** ובערך התחזקות נה: וְעַל־כֵּן אַדְּרַבָּא, כָּל מַה שֶּׁהָאָדָם רוֹאֶה שֶׁהַבִּלְבּוּלִים מִתְגַּבְּרִין וּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ בְּקַטְנוּת גָּדוֹל, הוּא צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק יוֹתֵר וְיוֹתֵר לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ מְאֹד וּלְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לְהִתְחַזֵּק בִּתְפִלָּה וַעֲבוֹדָה, בִּכְדֵי שֶׁיִּהְיֶה עַל־יְדֵי־זֶה **חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת הַרְבֵּה שֶׁל נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל עֲבוֹדָה וַעֲבוֹדָה**, וְאָז יִתְעוֹרֵר הַצַּדִּיק בְּרַחֲמִים גְּדוֹלִים יוֹתֵר לְהַגְבִּיהַּ וּלְהַעֲלוֹת הַחֲבִילוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁל תּוֹרָה וּמִצְוֹת שֶׁעָסַק בָּהֶם וכו' (עפ"י שבת הלכה ו, אות ט).

**מב.** ראה על"ת מכתב נ"ח: ..וְאַל תְּאַבֵּד יוֹם אֶחָד בְּלִי הִתְבּוֹדְדוּת, וְלַחְשֹׁב עַל תַּכְלִיתְךָ בְּכָל יוֹם, **וְתַחֲטֹף בְּכָל יוֹם תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים הַרְבֵּה, כְּפִי מַה שֶּׁתּוּכַל לַחֲטֹף וְלַעֲשֹׁק וְלִגְזֹל מֵהַצֵּל הָעוֹבֵר הַזֶּה, מֵהֶבֶל הֲבָלִים הַזֶּה מֵעָנָן כָּלֶה הַזֶּה וְכוּ' וְכוּ'. זְכֹר הֵיטֵב כִּי כָל יָמֵינוּ**

פון דעם לעב איך, דאס געב איך צו הערן מיינע בני בית. מען וועקט אויף א קינד: "רבותי! דער יריד האט זיך אנגעהויבן.. עס רינט 'מָן', עס רינט שפע.. שטייט אויף! גייט ארויס פון די פאסרוכ'טע פערינע, עס שטינקט שוין.. גייט ארויס, וואשט זיך די הענט, עס רינט שפע..". מ'ברענגט אריין חיות, מ'רעדט דעם אמת.

## געב אריין שמחה אין דיינע קינדער!

עס איז יעצט אוועק א איד ר' **ישראל נחמן אנשין** ז"ל, ער איז געווען א שטיל'ער אידל, א שטילער אידל געווען. אבער זיין גאנצער מציאות (איך האב אים געקענט, ער איז געווען א פארמאכטער מענטש און האט ווייניג גערעדט): ער איז שטארק געלעגן אין תכלית, שטארק געטראכט פון עלמא דאתי. ער האט זיך שטארק גע'חבר'ט מיט ר' מרדכי אלעזר (רובינשטיין).. די דיבורים פון ר' שמואל שפירא, די אלע דיבורים פון תכלית.

---

**הֶבֶל, וִיכוֹלִין לַחֲטֹף בָּהֶם חַיֵּי עוֹלָם כָּל אָדָם בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה שֶׁהוּא.** ובמכתב צ"ב: מִי יִתֵּן וִיחַזֵּק ה' אֶת לְבָבְךָ שֶׁתִּקְבַּע עַצְמְךָ עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה זוֹ תְּפִלָּה, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם, וְחוּץ מִזֶּה גָּרוּעַ מֵהֶבֶל. **וְאֵין לָשׁוֹן בָּעוֹלָם לְכַנּוֹת בּוֹ הֶבֶל הָעוֹלָם הַפּוֹרֵחַ וָרָץ וְשָׁט יוֹתֵר מִצֵּל עוֹבֵר, וְאַף עַל פִּי כֵן יְכוֹלִין לַחְטֹף בּוֹ סְגֻלּוֹת יְקָרוֹת כָּאֵלֶּה.**. נְעִימוּת כָּזֶה, 'נְעִימוֹת נֶצַח' שֶׁיְּכוֹלִין לִזְכּוֹת עַל יְדֵי זֶה לִנְעִימוֹת בִּימִינוֹ נֶצַח. ובמכתב ע"ר: וַעֲדַיִן יֵשׁ הַרְבֵּה לְדַבֵּר בָּזֶה בְּאֹפֶן שֶׁתָּבִינוּ בְּעַצְמְכֶם אֵיךְ לְהִתְחַזֵּק לְקַיֵּם זֹאת לַהֲפֹךְ הַכֹּל לְשִׂמְחָה, אֲשֶׁר חַסְדּוֹ גָּבַר עָלֵינוּ כָּל כָּךְ לֵידַע הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר מֵהָאָדָם כְּלוּם **רַק מְעַט הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁחוֹטֵף מִזֶּה הָעוֹלָם הָעוֹבֵר כְּהֶרֶף עַיִן** הַמָּלֵא כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת וִיגוֹנוֹת וּמְרִירוּת מִמְּרִירוּת שׁוֹנוֹת בְּכָל אָדָם בְּכַמָּה וְכַמָּה שִׁנּוּיִים בְּלִי מִסְפָּר.. וְאֵין שׁוּם חִיּוּת כִּי אִם מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו מַרְחִיב בְּתוֹךְ הַצָּרוֹת וְעוֹזֵר **לַחֲטֹף בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁל תּוֹרָה וּמִצְווֹת** שֶׁזּוֹכֶה כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לְקַיֵּם בְּכָל יוֹם.

וראה בליקוטי עצות יראה אות ל"ג: **רֶוַח הָעוֹלָם הַזֶּה אֵין לְשַׁעֵר**, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁאָדָם יָכוֹל לְהַרְוִיחַ בְּזֶה הָעוֹלָם וְאֵין צָרִיךְ עַל זֶה הוֹצָאוֹת מִשֶּׁלּוֹ [שֶׁקּוֹרִין אוֹס לָאג] רַק מִמַּה שֶּׁהֵכִין לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ יָכוֹל לְהַרְחִיב יָדוֹ וּלְהַרְוִיחַ הַרְבֵּה מְאֹד, עַיִן לֹא רָאֲתָה וְכוּ' (עפ"י נ"ה תנינא).

ער האט אויפגעשטעלט א משפחה און ער האט אריין געטאן זיין גאנצן לעבן אריין בראקן אין זיינע קינדער, יעדן קינד אויף זיין אופן, מגדל זיין קינדער יעדן קינד אויף זיין סארט אופן, אריין בראקן אין זיי די אידישקייט.

פון זיין חתונה האט ער נישט פארפעלט, יעדן טאג האט ער מיט זיין ב"ב געזאגט תפילת השל"ה און נאכדעם צוגעלייגט א תפילה אז די קינדער זאלן וואקסן ברסלב'ער חסידים אנשי ירושלים, זיין פרום. דאס האט אים געטראגן.. אפזיצן מיט די קינדער, זיך אפגעבן מיט די קינדער. דער גאנצער לעבן זיינע איז געווען אריין געבן חיות אין די קינדער.

**דאס דארף מען טאן, מ'ברענגט אריין אידישקייט, מ'ברענגט אריין דער תכלית. זעסט אז די קינדער זענען פריילאך,** זעסט אז די קינדער, עס גייט אריין אין זיי דער תכלית, זיי פרייען זיך מיטן תכלית.

מ'פארגינט זיי - נישט: "עה, דו ביזסט נישט געוואקסן קיין תלמיד חכם, עס איז גארנישט געווארן פון דיר.." - ניין, געב אריין א חיות אין א קינד: "ברוך השם, מאך א ברכה. ב"ה, עס מיט א ברכה. ב"ה, פיר זיך ערליך, ליין קרי"ש, געב א קוש די מזוזה". עס איז דא טויזנטער זאכן וואס צו משמח זיין.

**מ'דארף אריין ברענגען א חיות. דער קינד, ווי ער וואקסט, ער וואקסט אויף פול מיט חיות דקדושה.**

[**שואל:** דאס דארף מען טאן אויך מיט קליינע קינדער וואס זיי פארשטייען נאך נישט?] קליינע קינדער פארשטייען נישט וואס הייסט אז מ'פריידט זיך מיט זיי? [**ש:** מיט נארישקייטן אן קיין שכל..] וואס הייסט אן שכל? דער קלענסטער קינד - אז מ'פריידט זיך מיט זיי, פרייען זיי זיך? - דארף מען זיך פרייען מיט זיי! זיי מאכן גוטע זאכן, מ'זאגט זיי: "אה, דו האסט א מצוה!", פארוואס נישט.

פון ווען דו הויבסט אן צו רעדן הויבן זיי אן (זיך פרייען). ווייל עס הויבט זיך נישט אן ביי זיי, עס הויבט זיך אָן פארדעם - ביים מאכן די ווייבער חסידות. אז דו וועסט אריין ברענגען אין שטוב, דו וועסט זיך פרייען ביי דיר מיט קליינע זאכן, און דיינע בני בית וועלן זיך פרייען מיט קליינע זאכן – וועט

די שמחה אריינגיין [און ס'וועט ממשיך זיין אויך ביי די קינדער]. **דאס איז דער נושא, דאס איז דער נושא!**

## דער עיקר איז דיין בליק - שו"ת בעניני חינוך

[**שואל:** עס איז נישטא אמאל וואס מ'דארף רעדן שארף צו א קינד?]

"**אמאל געבט מען א פאטש** מג", ס'איז דא אמאל וואס מען רעדט שארף.. אבער בעיקר דארף זיין שמחה!

[**ש:** דער קינד טוט יעדן טאג אסאך גוטע זאכן, אבער עס פאסירט אויך אסאך נישט גוטע זאכן יעדן טאג..]

עס ווענדט זיך וויפל דו זעהסט גוטע זאכן, די שאלה איז וויפל דו זעהסט עס. אבער דער פראבלעם איז, אז דאס וואס ער טוט גוט, דאס באנעמט דיר נישט, דאס וואס ער מאכט נישט גוטע זאכן דאס באנעמט דיר.

[**ש:** וואס איז דער וועג צו זיי זאגן ווען נישט גוטע זאכן?]

פשוט, מ'דארף זיי זאגן. נאר די שאלה איז, וואס זאגט מען מער, וואס איז אויף דיר משפיע מער. די שאלה וואס פיהלסטו אויף דעם קינד, ער גייט דיר אויף די נערוון..

[**ש:** לדוגמא, ס'איז דא א קינד וואס האט ליב צו איבער קערן די דירה יעדן טאג..] און וואס טוט ער חוץ פון איבער דרייען די דירה? [**ש:** גאר אסאך גוטע זאכן!] יא? איז דארפסט ווערן איבער געגומען פון דעם! **פאר ער דרייט דיר איבער די דירה איז דא נאך עפעס, עס איז נאך דא אסאך פארדעם.**

עס קען אמאל זיין אז ביז ער דרייט נישט איבער די דירה אינטרעסירט דיר נישט, עס אינטרעסירט דיר בכלל נישט פון אים. ס'איז דא איין וועג ווי

---

**מג.** ראה שיש"ק חלק ג, תק"ס. ובחלק ב' תכ"ט.

אזוי דערמאנסטו זיך פון אים - דו ליגסט אין 'עבודה'.. און ווען ער דרייט איבער די דירה דערמאנסטו זיך אז ער איז דא.

טאמער ווערסטו זיך דערמאנען פריער אז ער איז דא... [אפשר וועט עס גאר אויסקוקן אנדערש..].

איינער האט מיר טאקע דערציילט אויף איינעם א טייערער ברסלב'ער חסיד וואס איז אוועק די לעצטע יאר'ן. איינער פון זיינע קינדער איז געווען זייער ווילד, ער האט ליב געהאט הפגנות, ער פלעגט גיין אנדרייען זאכן, ווארפן זאכן, אנצינדן פייער'ס.. בקיצור, ער האט געמאכט מסוכן'דיגע זאכן. האט דער טאטע געטראכט, אנשטאט צו אנהייבן שרייען אויף אים - האט ער אנגעהויבן מיט גיין מיט אים ביי די הפגנות. ער איז מיט געגאנגען ביי די הפגנות, ער האט אים געוויזן, ווארף דא, דא שטיי, יעצט דארף מען אנטלויפן.. (מ'זעהט ווי א טאטע א ערליכער איד א ברסלב'ער חסיד, האט זיך אפגעגעבן מיט א צווילדעוועטער קינד און זיך אראפ געלאזט צו אים אויף א קלוגע תמימות'דיגע אופן..).

[**ש**: די "אמאל געבט מען א פאטש" וואס מען דארף רעדן שארף, קען זיין א טאג טעגליכע הנהגה?]

די שאלה איז וואס איז די 'יום יום'דיגע הנהגה' מיט קינדער וואס זיי קערן נישט איבער? אויב יום-יום איז די הנהגה מיט קינדער וואס מאכן נישט קיין פראבלעמען אז מ'זעהט זיי בכלל נישט –

איז טאקע נאר אזעלכע קינדער וואס מאכן פראבלעמען איז יום יום די הנהגה צו רעדן וועגן זיי?

[**ש**: אסאך מאל גייט אריין אין סיסטעם אז מען רעדט די סארט שפראך; די קינדער דרייען איבער די שטוב און מען האלט אין איין שרייען און זיך רעגן אויף זיי.. - מיין שאלה איז צו דער רבי האלט פון דעם?!]

איך פארשטיי באמת נישט די שאלה. אויב דאס העלפט איז מאך עס, וואס איז דער פראבלעם..

אבער די שאלה איז, פארוואס נאר דאס רעדט מען?! - עס קומט אויס אז דא אין שטוב שרייט מען א גאנצן טאג.. אויב ס'קומט אויס אז א גאנצן טאג שרייט מען, איז א ראיה אז דאס זעט מען.

איך זאג דיר נישט קיין פשוט'ע זאך. אויב דו מיינסט אז איך זאג דיר א פשוט'ע זאך - דערפאר זאגסטו: "פארוואס פיר איך זיך נישט אזוי, איז א ראיה אז ס'שטימט נישט...". אבער איך זאג דא נישט א פשוט'ע זאך, דער רבי זאגט אז דאס איז אונזער עבודה אין שטוב.

ווען איך זאג דיר עפעס א הויכע עבודה ווואלסטו פארשטאנען אז מען דארף ארבעטן אויף דעם - ס'קומט נישט אליין, אבער דאס זאגט דער רבי. דאס זאגט אונז אויך דער רבי - ער זאגט אונז אז מ'דארף הארעווען צו אנפיהלן די שטוב מיט שמחה - מ'דארף ארבעטן אויף דעם, עס קומט נישט אָן גרינג. **אבער טאמער אפילו איינמאל אין אפאר טעג ווועסטו מצליח זיין צו אנפירן אזא סארט פרייליכע שטוב, אזא סארט פריילאכער טאג.. - ווער שוין פריילאך!**

על פי דער רבי דארף זיין דער עיקר פריילאך, וויפל דו שרייסט דארפסטו נאכמער זיין פריילאך. עס שטייט נישט וויפל - אבער וויפל דו שרייסט, נאכמערער [פון דעם] דארפסטו זיין פריילאך!

[**שואל:** וואס דער רבי האט געזאגט נישט שלאגן א קינד [מד] - מיינט דווקא נישט שלאגן, אדער בכלל די גאנצע הנהגה; נישט שרייען און נישט זיין שטרענג?]

וואס הייסט שטרענג? שטרענג האט נישט מיט שלאגן. דער ווארט איז נישט שטרענג, א מענטש וואס ווייסט וואס ער וויל און ער שטייט אויף וואס ער וויל, פירט אויס.

עס איז דא מענטשן וואס זיי שרייען אסאך און ס'איז ללעג ולקלס, זיי פאטשן אסאך און ס'איז ללעג ולקלס.. און עס איז דא מענטשן וואס אָן קיין סאך שרייען און אן קיין סאך פאטשן - זאגן זיי א ווארט און דאס איז עס, עס ווערט.

---

**מד.** ראה כוכ"א שו"ס ממוהרנ"ת אות ד', בשיש"ק החדש חלק ג' אותיות ס"ח-ע, טעם זקנים קונטרס קכ"ו (עמ' כ"ז ואילך) וקונטרס ע"א (עמ' 19).

דאס האט מיט די רוהיגקייט פון א מענטש. ווען א מענטש איז רוהיג און פריילאך פירט ער אויס וואס ער וויל. א מענטש איז אויפגערעגט פירט ער נישט אויס. חז"ל זאגן[מה] "**רגזן לא עלתה לו אלא רגזנותו**", רגזן לא עלתה לו אלא רגזנותו! א מענטש איז רוהיג, וואס מער ער איז רוהיג פירט ער אויס.

יעצט, איך פרעג אייך באמת, וואס טוט איינער וואס ער האט באמת א צוווילדעוועטער אינגל? - איז וואס ווילסטו, דיינע מידות האסטו שוין מצליח געווען אין איין טאג אויסרייסן? דער קינד'ס מידות וויל ער אז אין איין טאג זאל ווערן סדר.. ווי אזוי קען זיין אזא זאך, ווי אזוי קען זיין אזא זאך?..

אלא מאי? דארפסט גיין מיט אים אביסל אביסל. איז זיי מחליט וואס דו ווילסט פון אים, אביסל. אויף דעם וועסטו שטיין און דו וועסט זיין גאר פריילאך מיט יעדער ביסל וואס ער האט און מתפלל זיין אויף נאך, און [פון דא און ווייטער] וויפל זיין ווילדקייט קאסט דיר זיך אנשטרענגען, זאלסטו זאגן דאס איז מיינע עוונות, "צער גידול בנים", דאס האט מיט מיין תיקון הברית. אזוי גייט עס, מען דארף האבן געדולד!

## "מנותר קנקנים, נעשה נס"

על כל פנים, ביים רבי'ן - שמחה דאס איז די שטוב, דאס איז דער חינוך. וואס הייסט חינוך, חינוך הייסט אסאך שמחה, אסאך שמחה! אסאך הודאה, אסאך הודאה!

---

**מה.** [קידושין מ.] וראה בעל"ת מכתב תמ"ו הדרכת מוהרנ"ת לבני ביתו בעת ששהה מחוץ לביתו: וְתֹאמַר שָׁלוֹם לְזוּגָתִי תִּחְיֶה וּלְכָל בְּנֵי בֵיתִי שֶׁיִּחְיוּ. וּתְבַקֵּשׁ וְתַזְהִיר אֶת אָחִיךָ הוּא בְּנִי דָּוִד צְבִי שֶׁיִּחְיֶה, **שֶׁיִּזָּהֵר לְמַעַן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וִירַחֵם עַל עַצְמוֹ וְעָלַי וְעַל כָּל בְּנֵי בֵיתוֹ, וְלֹא יִהְיֶה כַּעֲסָן וְרַגְזָן וְלֹא יִהְיֶה קַפְּדָן כְּלָל. רַק אַדְּרַבָּא מֵאַחַר שֶׁטִּבְעוֹ לְהַקְפִּיד וּלְהִתְרַגֵּז חַס וְשָׁלוֹם, יִתְגַּבֵּר לַהֲפֹךְ הַדָּבָר. וּבְרֹגֶז רַחֵם תִּזְכֹּר וְיַהֲפֹךְ הַכַּעַס לְרַחֲמָנוּת וְאָז יִהְיֶה טוֹב לוֹ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא.** וְגַם אַתָּה תְּקַיֵּם כָּל זֶה, כִּי הַכַּעַס וְהַקְפֵּדוּת מַזִּיקִים מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלַן, וּתְחַזְּקוּ בְּתוֹרַת ה' לִקְבֹּעַ עִתִּים לַתּוֹרָה עַל כָּל פָּנִים וְתִבְטְחוּ בַּה' וּתְצַפּוּ לִישׁוּעָתוֹ בְּכָל עֵת.

און אז דאס איז די זאך איז עס נישט אוטאמאטיש, ס'ווערט נישט אין איין מאל, נאר נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל זיך באנייען. מ'פאלט אראפ און מ'הייבט זיך אויף, מ'פאלט אראפ און מ'הייבט זיך אויף. מ'זאל זיין פריילאך מיט יעדע ביסל וואס מ'שטארקט זיך. **מיר האבן א רבי'ן פון שמחה, מיר האבן א רבי'ן פון חנוכה!**

מיר האבן א רבי'ן פון חנוכה. ר' נתן זאגט אז 'חנוכה' איז מלשון "חינוך" [מו], זאגט רבי נתן אז אזוי ווי חינוך גייט ביסלאך - דאס איז דער אור החנוכה.

דער אור החנוכה איז אז מען איז מחנך, מ'איז מחנך דעם מזבח. דאס איז געווען דארטן אויך אזוי [מז], עס זענען געקומען די יוונים און חרוב געמאכט

---

**כִּי עַל יְדֵי כַּעַס אֵין פּוֹעֲלִים כְּלוּם רַק מַזִּיקִים הַרְבֵּה, רַחֲמָנָא לִצְלַן; כִּי "רַגְזָן לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ אֶלָּא רַגְזָנוּתוֹ", וְכָל מַה שֶּׁיְּכוֹלִים לִפְעֹל, פּוֹעֲלִים בְּדִבְרֵי נַחַת יוֹתֵר וְיוֹתֵר**. כִּי דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים. וּמִגֹּדֶל הַנְּחִיצָה אִי אֶפְשָׁר לְהַאֲרִיךְ כְּלָל. דִּבְרֵי אֲבִיכֶם הַדּוֹרֵשׁ שְׁלוֹמְכֶם תָּמִיד וּמְצַפֶּה לִישׁוּעָה, נָתָן מִבְּרֶסְלֶב.

**מו.** ראה באוצר היראה חנוכה אות ל"ו: וְזֶה בְּחִינַת חֲנֻכָּה, **כִּי זֶה עִקַּר הַחִנּוּךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ**, וַאֲפִלּוּ אִם הוּא זָקֵן גָּדוֹל, אַף־עַל־ פִּי־כֵן אָסוּר לְהַחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ כְּזָקֵן וּלְיָאֵשׁ אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ אֶפֶס תִּקְוָתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, רַק עַד יוֹם מוֹתוֹ יַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ. ושם באות ל"ו: וְעַל־כֵּן נִקְרָא חֲנֻכָּה, כִּי זֶה עִקַּר הַחִנּוּךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁהוּא רַק עַל־יְדֵי עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה וכו' **וְהָעִקָּר לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁזֶּה עִקַּר שֵׁם חֲנֻכָּה, שֶׁהוּא מִלְּשׁוֹן חִנּוּךְ וְהַתְחָלָה, כְּאִלּוּ הַיּוֹם הוּא מַתְחִיל לְהִתְחַנֵּךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם**. וְזֶה בְּחִינַת 'נֵר חֲנֻכָּה מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ', שֶׁצְּרִיכִין לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה מוֹסִיפִין וְהוֹלְכִין תָּמִיד בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּתוֹסֶפֶת מְרֻבָּה, מֵאַחַר שֶׁמִּתְחַזֵּק בְּכָל יוֹם בְּהִתְחַזְּקוּת חָדָשׁ וּבְהַתְחָלָה חֲדָשָׁה וּבְהִתְעוֹרְרוּת חָדָשׁ. (וראה עוד בהל' כלאי בהמה ה"ד אות ט, על ענין החינוך בתודה והודאה. ובהל' אבידה ומציאה ה"ג, אות ז ח על ענין החינוך וההתחדשות ע"י תורת הצדיקים. ובהל' שומר שכר ב, על ענין ההתחדשות וכו'.)

**מז.** ראה ליקו"ה שבת ו, ט"ו: וְעִקַּר תֹּקֶף הַנֵּס הָיָה שֶׁמְּעַט שֶׁמֶן שֶׁלֹּא הָיָה בּוֹ לְהַדְלִיק כִּי-אִם יוֹם אֶחָד וְנַעֲשָׂה נֵס וְדָלַק שְׁמוֹנָה יָמִים, זֶה בְּחִינַת נִפְלְאוֹת תִּקּוּן הַנֶּדֶר שֶׁהוּא פְּרִישׁוּת מְעַט כַּנַּ"ל, וְעַל-יְדֵי-זֶה זוֹכִין לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה עִקַּר תִּקּוּנוֹ לָנֶצַח, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הַמְּבֹאָר לְעֵיל עַל שָׁקַל פִּסְקָא שָׁדָא לְהוּ וְכוּ' (עיי"ש באות י"א). **כִּי עַל-יְדֵי שֶׁמַּמְשִׁיכִין עַל עַצְמוֹ פְּרִישׁוּת מְעַט עַל-יְדֵי הַנֶּדֶר עַל-יְדֵי-זֶה זוֹכִין לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים אֲמִתִּיִּים שֶׁיָּאִירוּ בּוֹ וִיתַקְּנוּ אוֹתוֹ**

אלעס, מ'האט געטראפן עפעס א ליכטאלע האט מען זיך שוין געפריידט מיט דעם. אנגעהויבן מיט אביסאלע - דאס איז דער אור החנוכה.

עס איז דא שמועסן פון ר' לוי יצחק'ן אז ביי אונזערע לייט פלעגט מען זאגן "**ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים**" - אזוי ווי א קנקן (א קריגל) וואס איז געווען פול מיט שמן, עס איז געבליבן דארטן אביסעלע און פון דעם איז געווארן דער 'נס לשושנים'. אזוי יעדער איינער, יעדער מענטש, עס איז געבליבן אין אים עפעס, עפעס וואס איז פון אים געבליבן.. און אז ער דערהאלט זיך מיט דעם, דאס איז דער נס חנוכה.

מיט יעדן איינעם ווערט א נס חנוכה, פון יעדן איינעם בלייבט עפעס א פך השמן, עפעס אביסאלע שמן בלייבט איבער. ס'איז געווארן אנגעקליבן אביסל, אביסאלע שמן, אביסל. ממילא איז 'מנותר קנקנים נעשה נס לשושנים'.

אזוי איז ביי יעדער איינער אין זיין אייגענער לעבן, און אזוי יעדער שטוב: "ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים", נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל.

און אזוי מיט חברים אויך. אסאך מאל איז דא א מענטש וואס רעגט זיך אויף: דער חבר צורודערט דא אלעס, דער חבר מאכט אלעס קאליע, ער מאכט; דער מאכט קאליע די יראת שמים און דער מאכט קאליע די משמעת,

---

**לָנֶצַח**. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁלֹּא הָיָה בּוֹ לְהַדְלִיק כִּי-אִם יוֹם אֶחָד, כִּי הַשֶּׁמֶן בְּחִינַת נֶדֶר הוּא מְעַט, כִּי הוּא פְּרִישׁוּת בְּעָלְמָא לְיוֹם אֶחָד, דְּהַיְנוּ לִזְמַן מְעַט, אֲבָל הַנֶּדֶר הוּא בְּחִינַת פֶּלֶא, בְּחִינַת נֵס שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ לְהָאִיר בּוֹ אֱמוּנַת חֲכָמִים שֶׁהוּא בְּחִינַת וְנַעֲשָׂה נֵס וְדָלַק שְׁמוֹנָה יָמִים וכו' שֶׁזָּכוּ עַל-יְדֵי מְעַט הַשֶּׁמֶן בְּחִינַת נֶדֶר לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים שֶׁהוּא תִּקְוָתוֹ לָנֶצַח כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים, זֶה בְּחִינַת שָׁקַל פִּסְקָא וְשָׁדָא לְהוּ הַנַּ"ל. **וְעִקַּר הַדָּבָר צָרִיךְ הָאָדָם לֵידַע שֶׁכָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ בּוֹ אֵיזֶה נְקוּדָה טוֹבָה מֵהָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה גְּדוֹלָה לַחֲזֹר וּלְתַקֵּן הַכֹּל, בִּבְחִינַת שָׁקַל פִּסְקָא וְכוּ' כְּרוֹכוּ לִי גַּרְדֵי מִנָּהּ וְכוּ', שֶׁיּוּכַל לְהַמְשִׁיךְ תִּקְוַת חוּט הַשָּׁנִי עַל-יְדֵי חֲתִיכַת אֶבֶן שֶׁיְּלַקֵּט מֵהָאֱמוּנָה הַשְּׁבוּרָה וּנְפוּלָה** וְכַנַּ"ל. (בכדי להבין הדברים היטב עיי"ש, והדברים מיוסדים עפ"י הקדמות רביה"ק בתורה נ"ז).

און דער מאכט קאליע דאס און דער מאכט יענץ.. - ס'איז אלעס פיין און וואויל, אבער נישט מיט כעס, ווייל מען קומט אין ערגעץ נישט אן. מיט לשון הרע קומט מען אין ערגעץ נישט אן, מיט זיך קריגן קומט מען אין ערגעץ נישט אן. [וואס איז די וועג?] **נאר מיט שמחה! נאר מיט שמחה, נאר מיט געדולד. מיט געדולד;** "ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים", עס ווערט נאכאמאל א ישועה און נאכאמאל א ישועה.

דער אור החנוכה! עס דארף אריין גיין דער אור החנוכה אין אונז. אור החנוכה איז א אור וואס דאס איז דער אור וואס ס'שטייט אז ס'איז דער אור פון די גאולה. דער אור פון חנוכה און פון פורים דאס איז דער אור, וואס מיט די צוויי אורות גייט מען ארויס פון גלות צו די גאולה.

מ'דארף אריין ברענגען אין זיך דער אור; ווערן א חנוכה איד, **ווערן א גאנץ יאר א חנוכה איד! אריין ברענגען אין זיך דעם נוסח און דעם שטייגער פון חנוכה.**

עכ"פ, ווי מיר האבן גערעדט פריער, חנוכה אז מ'קומט, מען קלאפט אין אידישע שטיבער זעהט מען אז ס'איז פריילאך אין די שטיבער.. איז דער אויבערשטער זאל העלפן אז א גאנץ יאר זאל זיין אונזערע שטיבער 'חנוכה שטיבער', פריילאכע שטיבער וואס מ'זינגט און מ'טאנצט דארטן און מ'פריידט זיך; לעבעדיג, שמעקעדיג, פארגינענדיג.. און דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן דעם אור החנוכה מעתה ועד עולם!



בס"ד
להלן סדרי השיעורים והתוכניות בקו "רוחא דחיי"
לקראת ימי החנוכה
הבעל"ט ולרגל
יארצייט הראשון
· לאמשכא משח רבות קודשא ·
יום ראשון ערב חנוכה
במדור הקבוע 'ההולכים בתורת ה'"
דיבורים נפלאים הכנה לחנוכה
ע"פ תורה ז' תנינא
נר א' דחנוכה
שיעור נפלא על
"מעשה מאורח"
שסיפר רביה"ק נר א' דחנוכה
זמירות חנוכה
מושרים ע"י ר' חיים בנימין ז"ל
נר ב' דחנוכה
"לך נאה לשבח"
שיעור מיוחד שנמסר לתשב"ר בשנים עברו
עם ביאור נפלא
על השיר 'מעוז צור'
נר ג' דחנוכה
"ווי נעמט מען דעם חנוכה אליין"
שיעור נפלא על פנימיות יו"ט חנוכה
נר ד' דחנוכה
"זיין שבת חנוכה ביים רעבן"
דיבורים גלהבים הכנה ל'שבת חנוכה'
נר ה' דחנוכה
לרגל יומא דהילולא
דיבורים מלוקטים ועובדות
על ר' אברהם ב"ר נחמן ז"ל
נר ז' דחנוכה
"להודות ולהלל"
מסיבת חנוכה לבחורים שהתקיימה
בבית ר' חיים בנימין ז"ל
משולב בניגונים ודיבורים
נר ח' דחנוכה
דיבורים במעלת היום
"זאת חנוכה"
ניגונים ונוסחאות יו"כ
כמנהג אנ"ש מושרים ע"י ר' חיים בנימין ז"ל
יום שלישי מוצאי חנוכה
שיעור נפלא איך לקחת את
אור החנוכה לכל השנה
וכן ניתן לשמוע אוצר של שיעורים על ימי החנוכה, קטעים מובחרים לעורר הלב
בקדושת ימי החנוכה וניגונים לחנוכה בשלוחה 4<6 מהכניסה למערכת.
· דבריהם הם זיכרונם ·
נר א' דחנוכה
קטעים מובחרים בענין
"ביטול והתקשרות לצדיק"
נר ב' דחנוכה
קטעים מובחרים בענין
"זכרון עלמא דאתי"
נר ג' דחנוכה
קטעים מובחרים בענין
"רפואות ודאקטורים"
דיבורים השווים לכל נפש
נר ד' דחנוכה
קטעים מובחרים בענין
איך להספיד ולהתעורר בעת הסתלקות אחד מאנשי שלומינו
נר ה' דחנוכה
הקלטות מיוחדות של
ניגונים ונוסחאות התפילה
מר' חיים בנימין ז"ל
סיפור התקרבות
מסופר ע"י ר' חיים בנימין ז"ל
קו "רוחא דחיי"
02.30.24.743
בארה"ב 518.794.2268